רצה הגורל שנישאר בחיים, שרידים ועדים למעשיהם הנפשעים של מרצחים, חלאת המין האנושי. עברנו את המערכה האחרונה על סף יום השחרור ב־1 בינואר 1944. חזינו בחרבות העיירה מז׳יריץ׳ והכפרים שמסביב.

כיצד החזיק הלב מעמד ולא התפלץ — לא אדע עד היום הזה.

דב סמורז׳וב

הדרך לחיים

התאריך זכור לי היטב. גם גשם־השנים אין בכוחו למחקו מזכרוני. ה־27 ביוני 1940. חמשה ימים אחרי הפלישה הגרמנית לרוסיה הסובייטית. מלחמה שבעטייה הפסדנו שליש מבני עמנו. יצאתי אז בלב כבד מביתנו במז׳יריץ׳ כדי להרחיק לכת, ככל האפשר, לעבר הגבול בכיוון נובוגראד־ווהלינסק. היינו אנשים מספר. קצת נרגענו מהתעמולה הסובייטית שהנה מחישים תגבורת מהעורף ובוודאי שיצליחו להדוף את הפולש הנאצי. ואכן, התגבורת לא אחרה להגיע. ראינו במו־עינינו את המחנה הגדול, כוח עצום ורב, נע בכביש הראשי, על ציודו המודרני, הכבד. ״זו שאלה של ימים ספורים בלבד״ אמרה ההודעה.

הגענו לנובוגראד. הדי ההתפוצצויות של פגזי התותחים לא רק שלא נדמו, אלא גברו מאד. הגרמנים התקדמו במהירות של סופה. הם הלמו משפטובקה על נובגראד ווהלינסק והיינו שם בכל רע. בפגישה עם יהודים מקומיים הם הס־בירו לנו, שכאן, על הנהר סלוץ׳, נמצא קו־ביצורים ענקי על שם סטאלין, ואם כאן לא יצליחו הרוסים לבלום את הגרמנים, הרי שגם הדנייפר לא יהא להם למכשול.

החלטנו (אני ובנם של צפורה ונטע פרשטמן) לצעוד עד ז׳יטומיר, שם כבר נכרו אותות המל־חמה, שכן העיר כולה הופצצה עוד קודם לכן ע״י חיל־האויר הגרמני. נתקבלנו שם בסבר פנים ונשלחנו ברכבת לקייב.

בקייב הגיעונו מהר בשורות־איוב חדשות. הצבא הרוסי נחל מפלות נוספות. המצב החמיר מיום ליום. המשכנו אפוא בדרכנו והגענו לפלך וורוניז׳. שם נתקבלנו לעבודה באחד הקולחוזים. אני הצלחתי עד מהרה לרכוש את אמון ההנהלה ואף הוזמנתי לבקר בחדריהם. אפילו חדר־מגורים נתנו לנו בביתו של מזכיר הקולחוז. ובכן, אנו זוכים ליחס הוגן וטוב. התזונה אמנם דלה ומצומצמת, אך הסתפקנו בזה שניתן לנו, ביחוד שלא הרגשנו שום אפליה. אדרבא, היו מקרים בהם אפשרו לנו לקבל למעלה מהקצוב והמותר.

אולם לא הרבה זמן יכולנו לנוח בגן־עדן־עלי־אדמות זה. יום אחד קבלתי צו־גיוס וכע־בור כמה ימים נשלחתי לחזית הדרום־מערבית, כפי שזו כונתה אז. התחנה האחרונה שלנו היתה ארוז׳בא ומשם עמדנו לצעוד ברגל לחזית. לא הספקנו להרחיק לכת — והגרמנים הנחיתו מן העורף צבא רב. היינו בסכנת־כיתור וקבלנו פקודה לסגת ולהתאמץ לפרוץ לנו דרך כדי לצאת מהכיתור. לאחר הליכה של כששים קילו־מטר בחשכת הלילה האיצו בנו המפקדים להת־קדם עוד יותר. ממש לרוץ.

בדרך צעידה זו חזרה הגענו עד לנהר. הגשר היה הרוס וכבר כיסה דוק קרח על פני המים. התפשטנו חיש לפי פקודה, עברנו את הנהר שלא היה עמוק ביותר — ושוב המשכנו לצעוד.

במשך השנים השתתפתי בהרבה קרבות. בהם עקובים מדם. לא פעם ארבה לי סכנת־נפשות אך יד הגורל השאירתני תמיד בחיים. פעם נפ־צעתי. אחרי־כן, עוד באותה שנה, קפאו לי אצבעות ידי ורגלי, והייתי זקוק לטיפול נמרץ ורק בחודש מאי חזרתי לאיתני ושוב טולטלתי לכל מיני חזיתות.

זכור לי מקרה אחד בו נסעתי לחזית ובפנקס הצבאי שקבלתי היה רשום בסעיף הלאומיות "אוקרייני". בלי היסוס נכנסתי למזכירות ודרשתי שיתקנו לי את לאומיותי. "אני הרי יהודי" טענתי. המזכיר רמז לי שאין זו טעות כלל; במקרה שאפול בשבי רצוי שלא אהיה רשום כיהודי. אלא שאני עמדתי על דעתי. "כלום נוסע אני כדי ליפול בשבי?" טענתי. המזכיר מיהר ותיקן כדרישתי.

בין היחידות שהשתתפתי בהן היתה יחידת התותחנים המפורסמת ה"קטיושות". הקרב האחרון היה על הנהר אודר, לא הרחק משטטין. כעבור כמה ימים הצלחנו להפגש עם חיל מהצבא האמריקאי. היה זה ב־3 במאי 1945.

בימים ההם זועזעתי מאד כשקבלתי מכתב מאכר אחד בו הודיעני כי הגרמנים רצחו את אמי ואת הבית העלו באש. היה זה לפני שיצאתי בפעם האחרונה לחזית. הבדיקה הרפואית המקובלת בצבא הרוסי לפני יציאה לחזית היתה הפעם קפדנית יותר. מאידך גיסא, חיילים היו אחוזי־פחד ובקשו להשתמט. רבים מאוד התאוננו על מחלות קיימות ומדומות. כשהגיע תורי והרופא ניגש לבדוק אותי, בהסבירו שהפעם דרוש כושר גופני טוב, שכן כל פגז משקלו 90 ק"ג, עניתי לו שאינני זקוק לבדיקה כלל, מפני שאין לי על מה להתאונן ובשביל להלום בגרמנים שום דבר לא יקשה עלי.

הרופא הופתע. הוא שאל אותי מיד ללאומיותי. עניתי לו שאני יהודי, והוא אמר לי: "סע בשלום ונקום נקמת אחיך ואחיותיך". כשיצאתי מעל פניו שמעתי מתלחשים: "בן־אדם זה נוסע לחזית בהתנדבות".

עמדתי בדיבורי. כל המשימות שהוטלו עלי מילאתי באמנות. פעם, כשהופיע מפקד החטיבה והוא עבר על פני שורות החיילים בהתעכבו פה ושם, דיבר מפקד היחידה באזנו בשבחי, כחייל ממושמע ומצטיין.

המלחמה נסתיימה. האוייב הובס. החלו ההכנות לשחרור חלק מהחיילים לפי הגילים, אלא שאצלנו טרם הוחל בשחרור, על המקצועיים הוטל לחכות עד שיוכשרו אנשים ויוכלו להחליפם.

סוף סוף הגיע גם התור שלנו. כבר התבשרנו שנעשות ההכנות הדרושות לשחרורנו. נחזור הביתה כמנצחים. חיית־הטרף הנאצית הוכתה על־ידינו שוק על ירך. מי פילל שבמשך זמן קצר כל־כך תחול תמורה כזו והם יבקשו להיות ידידינו.

ואכן, כל המשוחררים חזרו לבתיהם. גם אני חזרתי ל"ביתי" במזשיריטש. הבית היה הרוס. חורבה. הכל מסביב — שממה. שממה בלב.

התיצבתי בלשכת הגיוס כדי להתפקד, כנהוג בימים ההם. הגשתי את המסמכים שלי לקצין. הוא עיין בהם. העיר לי שהגיעו לאזניו שמועות שרוב היהודים עוזבים את רוסיה ועוברים לפולין. אני הערתי לו על כך שבעצם אינני אוהד כל־כך את הפולנים. מהערתי זו שבע נחת והוא אמר לי במאור־פנים: "בודאי, בודאי, מה השאלה, כלום אפשר להשוות את המשטר שלהם לזה שלנו? אני מקווה שלא תתחרט על החלטתך להשאר אתנו. כאן תהיה מאושר".

כעבור כמה ימים קבלתי ממנו פתק עם הצעה להצטרף לאחד הארגונים המנהלים מאבק עם הבנדרובצים במטרה לטהר את המולדת. "נבזים אלה גרועים מהנאצים הגרמנים" נאמר עוד בפתק. "לאומנים ונבזים שיש לטאטאם טאטא־השמד" הוא כתב לי ברוסית ספרותית. אולם שוב לא עשו עלי דברים אלה רושם. לאחר טיול של יום־יומיים בעיירתי החרבה, על אדמתה העקובה מדם אחי ואחיותי ומקטעי־סיפורים על השמדת יהודי העיירה ששמעתי פה ושם מפי גויים וגויות, גמלה בלבי ההחלטה הנחושה לברוח מכאן. לברוח מהר ככל האפשר. הרי גם לי יש מולדת אי־שם ולמה זה אלחם כאן, על האדמה הארורה הזאת, מלחמה לא שלי, למרות שיצרי הסיתני לעשות נקמה בגויים־הנאצים הללו, שותפיו של עמלק ברצח יהודים. אלא שהמשיכה לארץ ישראל גברה יותר. בלילות נדודי־שינה חשבתי על מלחמות שעוד נצטרך לנהל בארץ־ישראל, ודווקא בזמן הקרוב ביותר, שאם לא עכשיו, לאחר מלחמת עולם כזו, אימתי? ולמה שלא אנצל תעודות של חייל

מצטיין בקרבות שבידי בכדי להגשים חלומי מימים־ימימה — להגיע לארץ מולדתי, מי יודע, אפשר שזוהי הזדמנות אחרונה — ולמה אחמיצנה ?

למחרת שוב הסתובבתי בעיירה ובסביבה, איכרים רמזו לי שאני מסכן את עצמי, שיש אנשים שאינם מעוניינים לראות יהודי מהלך במקומות האלה. אני עניתי שאם לא פחדתי מהנאצים, הרי שאינני פוחד גם מכנופיות אלו. הם מצדם סיפרו לי על כמה מקרים, בהם שלמו יהודים על כך בחייהם. כן שמעתי מאשה אחת כיצד באו באותו לילה גורלי, בו עזבתי את הבית ויצאתי לדרכי — אכרים עם גרזנים לרצחני נפש...

באתי בדברים עם יתר שרידי היהודים שחזרו לעיירה. שוב ביקרנו על יד קברות האחים. ארבעה בורות גדולים בסך־הכל, ליד הכפר נוברקוב. מלמלנו תפילת־קדיש בעינים דומעות ותפילה חרישית בלב שישולם למרצחים כגמולם...

יצאנו לדרך ארוכה ומלאת־מכשולים אך גם מלאת־תקווה והחלטה נחושה להגיע אל מחוז חפצנו. למולדת המיוחלת. שיחק לנו קצת המזל : בהשגת רשיונות־יציאה מברית־המועצות לא נתקלנו בקשיים רבים ; החוזה שנחתם בין שלטונות בריה״מ והממשלה הפולנית, שכל מי שהיה נתין פולני עד 1939 יכול לחזור לפולין, היה לעזר רב ליהודים, מבלי שהפולנים התכוונו לכך. אבל פולין לא היתה, כאמור, היעד הנכסף כי אם קרש־קפיצה בלבד.

שהותנו בפולין לא ארכה יותר משלושה שבועות. שוב לקחנו את מקל־הנדודים ביד. ואכן, הנדודים ממש החלו רק עכשיו. התברר לנו שדרכנו צריכה לעבור את גרמניה. אלה שהיו מעוניינים לקצר דרכם ככל האפשר, ואני ביניהם, נרשמו בכמה מקומות : בארגון ציוני, בצלב האדום, בקיבוץ פח״ח (פרטיזנים, חלוצים חיילים). מספר המבקשים לעלות גדל מיום ליום והם לחצו מאד. אני נקראתי במקרה לאן שנקראתי ונשאלתי אם אני מוכן להתיצב למחרת היום עם ״דמי הוצאות״ בקטוביצה. בו במקום שלמתי את כל 2000 המארקים שהיו אתי.

למחרת מסרתי את כל המסמכים ואותות ההצטיינות שלי לאנשי ״עלייה ב׳״ — והתחלתי להתמחות יחד עם אחרים בהברחת גבולות. לא פעם נתקלנו בביקורת קפדנית, אך איכשהו הצלחנו להתגבר על כל המכשולים והגענו לוינה. בוינה חנה אז חיל הכיבוש של בעלי הברית בארבעה אזורים מחולקים. במעבר לאיזור האנגלי קרתה לנו תקלה : האנגלים ניהלו אז מאבק עצום נגד יהודים שניסו להסתנן בכל הדרכים לארץ־ישראל. בלשים אנגלים שרצו בכל הגבולות. הם עיכבו את הרכבת, הורידונו מהקרונות ואיימו לאסור אותנו ״לעולם ועד״. הצלחנו לשכנע אותם שאנו באים מבודפסט בחסות הצלב האדום. הם נאותו לשחרר אותנו בתנאי שנחזור מיד לבודפסט. הסכמנו, כמובן. עלינו לרכבת נוסעים אחרת — ונוסעים חזרה, אך בוינה ירדנו והתפזרנו וכל אחד חזר למקומו הקודם. למודי־נסיון, עברנו, כעבור כמה ימים, דרך האיזור האמריקאי, בחסות האונרר״א, לגרמניה. בעזרת תמרון מוצלח עברנו משם, כעבור זמן מה, את הגבול הצרפתי והגענו למרסל. שם נרכש בשבילנו שבר־אנייה, שזה מזמן יצא משימוש. האנייה שופצה והוכשרה איכשהו להסעת מעפילים. היו אז ימי ״השבת השחורה״ והחיפושים בקיבוץ יגור, וקראנו לאנייה בשם ״יגור״.

בימים כתיקנם איש לא היה מסתכן לעלות על אנייה זו ולהפליג לתוך הים הפתוח, אולם ״אין בודקים בשעת סכנה״. מלאנו את האנייה ״כהרף עין״. בתחילה היה הים רוגע והכל התנהל על מי־מנוחות ממש, אך בהתקרבנו אל מול חוף כרתים התחוללה סערה גדולה והים — כמו נעשה שותף לאנגלים כדי להטביענו. המ־לחים באנייה ניסו משום־מה להפחידנו, אך אנו עניגו להם בלעג תחת לעג ובגבור הסערה נתנו קולנו בשיר כדי לעודד את החלשים. הרי חופי המולדת כבר קרובים־קרובים...

האנגלים גילו אותנו ושלחו אניית קרב כדי לעצרנו. נסינו להתנגד. אך מה אגרוף־יד אנוש לעומת אגרוף־ברזל ? הם העבירו אותנו בכוח לאנייה שלהם — והישר לקפריסין.

ידועות התלאות שעברנו במחנה ההסגר שה־קימו בשבילנו שם האנגלים הנאורים, "מנצחי הנאצים". כל אחד מאתנו נחקר לחוד. אני אמרתי לחוקרי שמלבד עברית אינני מבין שום שפה אחרת. לרגע שמחתי בלבי בראותי אותו מתרוצץ כדי למצוא מתורגמן. אותי הרגיזה במיוחד העובדה שכולאים אותנו מאחורי גדרות־תייל, בדיוק כפי שנהגו הנאצים. אלא שהאנגלים התעלמו מהערות אלו וכיוצא בהן. הם החלו לנהוג שם לפי שיטתם הידועה לשמצה "הפרד ומשול". הם הציבו שומרים ליד כל פתח ושער כדי למנוע קשר כלשהו בין מחנה מעפילים אחד לשני. בכך הם הגדישו את הסאה. החלטנו לסכל מזימותיהם.

ביום בהיר אחד החלטנו לערוך הפגנת־ענק. פרצנו את הגדרות, גלגלנו חביות־נפט שהיו במחנה והצתנו אותו לכל עבר. פרצנו החוצה. הנוטרים לא יכלו להשתלט על המצב והם ביקשו את עזרת הצבא שחנה לא הרחק מהמחנות שלנו. קציני הצבא, בראותם כי המצב חמור, הציעו, בעזרת רמקולים, הפוגה: הם יסוגו כמאתיים מטר ואנחנו, שאנו נשגר שליחים והם ישגרו שליחים לשם ניהול משא־ומתן. מעניין, שמפקד הצבא דיבר פולנית רהוטה.

במשא־ומתן הם הסכימו כמעט לכל תביעותינו והסדר הוחזר על כנו. אחרי כן החלו לחלק סרטי־פיקטים לפי הגרלה, וכך, ב־1 בינואר 1947 כבר דרכו רגלי על אדמת הארץ.

אמר המגיד ממז'ריטש: בגלות קל יותר להשיג רוח הקודש מאשר בזמן שבית המקדש היה קיים. משל למלך, כל עוד הוא שוכן בארמונו קשה מאד להתקרב אליו. אך כשהמלך בדרך, אפילו בן־כפר שאין לו דריסת רגל לארמונו, יכול לבוא אצל המלך באכסניה שלו.

כנגד כל חור בגוף נעשה חור בנשמה.
דברים אלה דמר ר' דוב־בר לבנו המלאך, שהיה מרבה בצומות ובסיגופים.

הלואי ינשקו את ספר התורה באהבה כזו, שבה היה מורי הבעש"ט מנשק את הילדים, בשעה שהיה מוליכם ל"חדר".

ועוד אמר המגיד ממזריטש:
— ולואי אנשק אני ספר תורה באותה חיבה, שבה היה הבעש"ט מנשק ילד יהודי שבחן אותו ומצאו יודע אלף בית.

אמרו על המגיד ממזריטש, שהכיר פעם בכלי, שהאומן שעשהו היה סומא בעין אחת, כי כוח הפועל בנפעל.

משה שרייבער

א לעבן אין באהעלטעניש

מיר זענען געווען איין יידישע פאמיליע אין אוקריינישן דארף רודלע, נעבן טארגאוויץ (טרוויץ). די עלטערן זענען געווען פויערן. מיר האבן אויך געהאט א קליין קלייטל וואס די אוקריינער האבן פארברענט אין 1932. מיין פאטער איז געווען א פרומער ייד און איז גע־גאנגען דאווענען קיין טרוויץ, א פינף קילא־מעטער. די אוקריינער האבן אונדז ניט געלאזט לעבן. בויקאטירט, אבער מיין פאטער האט זיך געהאלטן ביים פריץ. אים ניט פארלאזט. מורא געהאט בלייבן אן פרנסה. איך האב געהאלפן מיין פאטער באארבעטן דעם פריצישן באדן. קיין אייגענעם באדן האבן מיר ניט געהאט. ס'איז געווען א שווער, געמוטשעט לעבן.

אין שטעטל האבן געלעבט בערך 60 יידי־שע פאמיליעס. ס'זענען דארט געווען עטליכע ציוניסטישע ארגאניזאציעס.

אין אלטער פון 22 יאר האב איך חתונה געהאט און אריבערגעפארן קיין מעזשיריטש (1935) ווו כ'האב געעפנט א קלייטל. מיין פרוי, פעסיע בורשטיין, איז געווען א נייטארן. ווען די רוסן זענען אריין האב איך ליקווידירט דאס קלייטל און געגאנגען ארבעטן אויף א מאשין, ביים צושטעלן סחורה. בכלל איז אין שטעטל געווארן „אויס מסחר". די רוסן האבן אויך ארעסטירט „גבירים": חיים קראמער, צור־קערמאן, בעקערמאן א. אנד. מיינע עלטערן זענען אנגענומען געווארן אין א קאלכאז.

ווען די דייטשן זענען אריין אין שטעטל האבן זיי גלייך ארויסגעטריבן אלע יידן אויפן מארק. מען האט אונדז אלעמען אויסגעשטעלט אין די רייען און ס'האט זיך אנגעהויבן דער גרויסער חורבן. מ'האט געריסן בערד, געשלא־גן, געהרגעט. כ'בין אנטלאפן און זיך באהאלטן. מ'האט ארויסגעטריבן בלויז מענער. פרויען און קינדער האבן זיי דערווייל געלאזן צו־רו.

ס'ניט געווען וואס צו עסן. מ'האט אלץ אויס־פארקויפט פאר א שטיקל ברויט. דערנאך האט מען אנגעהויבן כאפן צו ארבעט. מיך האט מען געשיקט אין דארף ברוניווו אנלאדן זאמד. איינמאל גייט צו מיר צו אן אוקריינישער פא־ליציאנט און גיט מיר א שטעקן איך זאל שלאגן יידן. ווען ער האט זיך אויסגעדרייט — בין איך אנטלאפן. מ'איז מיר נאכגעלאפן. נאכגעשאסן. אבער כ'בין אנטלאפן.

איינמאל בין איך געשטאנען אין דרויסן און געשניטן א ברעטל, איז פארבייגעגאנגען א דייטש און געפרעגט: „דו ביסט א טישלער?" כ'האב געזאגט אז איך קאן די ארבעט, האט ער מיך גענומען אין הויף אריין פון גראף סטעצקי. מיר געהייסן פארקלאפן פענצטער, כדי צו שיטן דארט תבואה. בין איך געווארן א „נוצליכער". יידן אן א פאך האט מען געכאפט און זיי געפירט קיין קיעוו, קיין באבי־יאר. אויך יונגווארג האט מען ערגעץ־ווו געפירט און דערשאסן.

פון פאלאץ האט מען מיך איבערגעפירט אין דארף ניעוויערקאוו. דארט זענען געווען פוילישע קאזארמעס ווו ס'איז איינגעשטאנען דער גרענעץ־קארפוס. דארטן האט מען קאנ־צענטרירט די תבואה וואס מ'האט ליקווידירט ביי די גויים. בערך 80 יידן האבן געארבעט ביי מישן די תבואה, זי זאל ניט פארשימלט ווערן. ס'איז געווען ווינטער־צייט.

די ארבעט איז געווען שווער. עסן — כמעט גארניט. מיר האבן געגנבעט תבואה אין די קעשעניעס און געבראכט א היים. כל־זמן די פאמיליעס האבן נאך געלעבט. אבער ס'זע־נען געווען פאלן ווען מ'האט אויפן וועג גע־

שאָסן יידן. אַ 12—10 קרבנות. זענען מיר שוין געבליבן נעכטיקן אין דאָרף. איך האָב געמאַכט אַ זשאַרנע פון אַ ריבאייזן און אַזוי צעמאָלן דאָס ביסל ווייץ און קאָרן פאַר דער פאַמיליע. ס'האָבן דאָרט אויך געאַרבעט אַ 12 פרויען, ביי קיך־אַרבעט און ביי באַדינען די דייטשן. אַזוי ביז דער ערשטער שחיטה, שבועות 1942. איך האָב ניט געוווסט, אַז ס'איז אַ שחיטה אין שטאָט. אינדערפרי בין איך אַוועקגעגאַנגען צו דער אַרבעט. פאַרנאַכט איז געקומען ישראליק זינמאַן, אַ ייִנגעלע פון 13 יאָר (איצט אין חיפה) און זאָגט צו מיר: „משה, ס'איז שלעכט, מען הרגעט די יידן אין שטאָט". וואָס טוט מען? פונקט איז דער דייטש געפאָרן אין שטאָט, האָב איך אים געבעטן, אפשר זעט ער עמיצן, זאָל ער איבערגעבן אַ גרוס. האָט ער געזאָגט: „קענסט שוין גיין פריי אין שטאָט אַריין, ס'איז שוין ריין פון יודן דאָרט". בין איך געקומען אין שטאָט און איך האָב דאָרט געפונען מיכלע בורשטיין, די איינציקע געבליבענע פון מיין משפחה. זי האָט מיר שוין דערציילט אַלץ, ווי ס'איז פאָרגעקומען. מען האָט געמאַכט אַ געטאָ און אַריבערגעפירט פון די דערפער אַ סך יידן. מ'האָט געבראַכט יידן פון הרוביעשאָוו און זיי זיינען נעבעך געזעסן אָן אַ שטיקל ברויט. איז דאָרט געזעסן אַ פרוי מיט קינדער, האָב איך געבראַכט פאַר זיי אַ ביסל ווייץ און צעריבן אין דער זשאַרנע. פון די קינדער זענען געבליבן צוויי טעכטער. זיי זענען איצט אין ישראל.

איין פאַרנאַכט האָט מען צוזאַמענגענומען די יידן אין דאָרף, פאָרן אהיים גיין, אונדז איבערגעציילט צי אַלע זענען דאָ. צו מיר איז צוגעגאַנגען דער דייטש און געזאָגט: „שרייבער, בלייב דאָ, מען דאַרף אויסלאָדן קאַרטאָפל, וואָס מען וועט ברענגען ביינאַכט". איך האָב ניט געוווסט פון גאָרניט. בין איך געבליבן. מיט מיר איז געבליבן אויך אליהו סוקעניק, און נאָך עטליכע יידן. די אַלע וואָס זענען געגאַנגען אַ היים, האָט מען אויסגעהרגעט אויפן וועג. פון 80—70 יידן זענען מיר געבליבן 10.

שפעטער, ווען ס'איז געוואָרן די געטאָ, האָט מען צוגעגעבן נאָך אַ ביסל יידן צו דער אַרבעט. און מיר זענען צוריק געווען 70—60 יידן.

מיר האָבן זיך דערנאָך באַהאַלטן, עטליכע און צוואַנציק יידן, אויף אַ בוידעם. די זשאַנדאַרמעריע מיט די ס.ס. האָבן געוווסט, אַז ס'זענען נאָך ערגעץ דאָ יידן. איז אַרומגעלאָפן דער פעלדפעבעל, און האָט געשריען: שרייבער! גלאַזער! — ער האָט געוווסט, אַז מיר זענען ניט געהרגעט. האָב איך זיך שיער אָנגערופן. כ'האָב געמיינט, אַז דער פעלדפעבעל רופט מיך, אפשר וועט ער מיך ראַטעווען. אַ נעכטיקער טאָג! ער האָט אונדז געוואָלט אויסגעבן צו די ס.ס. ס'איז געקומען צולויפן ווייס, „מיין" דייטש, און האָט געזאָגט: „רופט זיך ניט אָפּ. איך ווייס ווו איר זייט!" מיר זענען געווען פאַרבאַהאַלטן אין שטרוי. ער האָט געזאָגט צו מיר און צו נאָך אַ ייד: „טוט זיך אָן און קומט מיט מיר, איך וועל אייך אָפּקאָכן אַ קעסל קאַרטאָפל. גייט ניט אַרויס. ווייל דער פעלדפעבעל וועט אייך אַרויסגעבן." בין איך געגאַנגען און כ'האָב זיך איבערגעטאָן אין אַ גוישער לייוונטענער העמד און איך בין אַרומגעגאַנגען פריי אין די קאַזאַרמעס ווי אַ שייגעץ. כ'האָב אָפּגעקאָכט די קאַרטאָפל און ס'איז דערווייל געווען וואָס צו עסן.

איך געדענק, אַז איך בין געקומען אין געטאָ און אַריינגעגאַנגען אין אַ שול דאַווענען. זענען אַריינגעקומען די דייטשן און מען האָט אונדז געשלאָגן, געהרגעט. בין איך אַרויס דורך אַ פענצטער. מען האָט געשלאָגן דעם שוחט שיקעלע, ער איז געשטאַנען ביים עמוד און געדאַוונט. איך האָב געזען, אַז ס'איז אַ גרויסער חורבן אויף אונדז, האָב איך געבעטן דעם דייטש ער זאָל אונדז באַפרייען, איך האָב געבעטן אפשר קען ער אונדז דערלויבן כאָטש גיין דאַווענען. האָט ער דווקא אונדז געלאָזט גיין, ער האָט אונדז גאָרניט געזאָגט. איז וואָס האָב איך געהאַט צו טאָן אין געטאָ? איך בין געווען איינער אַליין, געבליבן אויף צרות. ווו זאָל איך זיין? האָב איך גענעכטיקט דאָרט אויף

דער שטרוי. די קינדער, וואָס האָבן געאַרבעט אין ניעוויערקאָוו האָב איך געזאָגט זיי זאָלן ניט גיין אַהיים. יונגע מיידלעך האָבן דאָרט געאַרבעט אין קיך. איך האָב זיי געזאָגט: „גייט ניט אַהיים, די אוקראַיינער הרגענען". און אַזוי איז טאַקע געווען. עס פלעגן אַריינגיין אוקראַיינער פּאָליציי און געטאָ און האָבן דאָרט געמאַכט חורבן. כ'האָב דעם דייטש אַ מאָל געבעטן אַריינגיין אַרויסראַטעווען אַ יידיש קינד. אַן אוקראַיינישער פּאָליציאַנט איז אַריינגעגאַנגען, האָט ער געריסן פענגערלעך, ער האָט געריסן וואָס איז געווען צו אַנטאָן. האָב איך געזען, אַז דער דייטש איז פּונקט געווען אין געטאָ, האָב איך געזאָגט: „איך בעט דיר, גיי אַריין און בעט ביי דער בורשטיין אַ טרונק וואַסער, וועסטו זען ווי אַן אוקראַיינער רויבט דאָרט". איז ער געגאַנגען, דער דייטש, און האָט אים אָנגענומען פאַרן קאָפּ און האָט אים אַרויסגעוואָרפן.

איך מיין אַז דער ווייס איז עפּעס געווען געראָטן אין אַ יידן. איך האָב אים אַ מאָל געהערט זאָגן „אין חלום" און אַנדערע יידישע ווערטער. ער האָט גענומען ביי דער ערשטער שחיטה און איבערגעפירט 23 יידן קיין לודוויפּאָל אין צווייטן ראַיאָן. מיר האָבן ניט געוווסט, אַז ס'איז אַ שחיטה.

די צווייטע שחיטה איז געווען סוכות 1942. פּונקט אין דעם טאָג האָב איך געלייגט ברעטער, געמאַכט אַ פּאָדלאָגע. איז ווייס געקומען און געזאָגט צו מיר און צו נאָך יידן, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט: „היינט איז ריין פון יודן". האָב איך אים געזאָגט: „איך בעט דיר, ווייס, גיב אַן עצה, ווי אַזוי גיט מען צו וויסן אין שטאָט?" זאָגט ער: „איך האָב מורא, ווילסט — פאַר, נעם מיין ראָווער". איך האָב גענומען זיין ראָווער מיט זיין רוקזאַק, איך האָב אַראָפּגענומען די לאַטע, און איך בין אַריינגעפאָרן אין געטאָ זאָגן די יידן, אַז ס'איז אַ שחיטה: „יידן צעלויפט זיך, דער דייטש האָט מיר געזאָגט, אַז ס'איז אַ שחיטה". האָט מיר אַ ייד געוויזן אַ בריוועלע, אַז אין טוטשין האָט מען צעלאָזט דאָס געטאָ, אַ ישועה. יידן האָבן ניט געוואָלט הערן. האָב איך געזען, אַז ס'איז שלעכט, בין איך אַרויסגעלאָפן פון געטאָ, און איך בין אויף אַ באַרג אַרויפגעפאָרן מיטן ראָווער. האָט מען מיר שוין נאָכגעשאָסן.

ווייס האָט געזען אין די גריבער אַ יידיש מיידל, וואָס האָט געאַרבעט ביי אים אין קיך, האָט ער גענומען אַ ביי־מאַשין און האָט אַרויפגעלייגט אביסל שטרוי און ער האָט די ביימאַשין אָוועקגעשטעלט אויפן וואָגן — און ער האָט איר געבראַכט צו מיר אויפן בוידעם. דאָס מיידל האָט געהייסן דינה קלאָרפיין. זי איז שפּעטער דערהרגעט געוואָרן.

איך האָב געזען דורכפאָרן איציק גלאַזער, אַ לערער, האָב איך אים געזאָגט: „פאָר ניט אין שטאָט, קום אַרויף צו מיר אויפן בוידעם, איך האָב אַ בוידעם". איך האָב מיר געהאַט געמאַכט אַ שטיקל לייטער, צוגעגרייט אַביסל וואַסער, עטליכע ברויט. איך האָב צוגעגרייט, אפשר... אפשר... די ערשטע טעג, ווער וועט גיין זוכן ביים דייטש אויפן בוידעם יידן? ס'איז געווען ניט שלעכט. מיר זענען דאָרט געווען אַ סך. אין געטאָ האָט געאַרבעט איינע חסיה פרידמאַן, האָב איך איר געזאָגט: אַרויף אויפן בוידעם! עס זענען געווען מיט אונדז אויך קופּערשמיד, מיכלה בורשטיין, שפּיגלמאַן, ישראל זינמאַן. מיר האָבן געהערט פון בוידעם שיסן די יידן ביי די צעגעלניעס. דעם אַנדערן טאָג האָבן מיר געזען ווי די אוקראַיינער פירן דאָס גוטס פון די יידישע שטיבער.

ביינאַכט פלעג איך אַראָפּלאָזן זיך דורך אַ שטוב, דאָרט ווו דער דייטש האָט געוווינט, הינטער זיין וואַנט, און אַרויסגעגאַנגען פון די קאַזאַרמעס דורכן פּלויט. דאָרט האָב איך אוועקגעגעבן איינעם אַ פּאַלאַק מיין זייגער, אַ קאָלדרע, און נאָך זאַכן וואָס איך האָב געהאַט — ער האָט געהאַט אַ מיל, בלאַכאָוויטש האָט ער געהייסן — און איך פלעג ביי אים נעמען אַ פּאָר ברויט. שפּעטער איז געווען אַן אָרעמע גויע, וואָס איך פלעג איר מיטהעלפן, ווען איך האָב געאַרבעט אין די קאַזאַרמעס. פלעגט זי מיר אַריבערוואַרפן אַ פּעקל איבערן פּלויט.

ס׳איז געווען ווינטער. א גרויסע קעלט. בארוועס און נאקעט זענען מיר געבליבן, כ׳האב אויסגעטאן פון זיך די לעצטע העמד. פון זיך און פון מיכלה בורשטיין, די אנדערע קינדער האבן ניט געהאט גארניט. איך האב זיי ארויפגעכאפט גייענדיק אויפן וועג. אז דער דייטש האט געבראכט דאס מיידל צו מיר אויפן בוידעם — האט זי ניט געהאט קיין שיך. האב איך איר געגעבן מיינע שיך און אליין געגאנגען בארוועס. מיט סקארפעטקעס פארוויקלט די פיס.

דער דייטש האט געזאגט, אז ער פארט אוועק. אפשר אויפן פראנט. צוויי זענען אראפגעגאנגען — ישראליק זינמאן מיט דעם לערער. ער האט געזאגט, אז ער האט א היימישן פאליאק. א לערער, וועט ער צוגיין צו אים. אפשר וועט ער אים עפעס העלפן. איז ער אוועק צו דעם לערער, און אים געזאגט, אז ער האט זיין שוועסטערס א קאראקולענעם מאנטל. האט ער אים געגעבן א פאר ברויט. גייענדיק אזוי האט מען זיי געכאפט. די אוקריינישע פאליציי. דאס איז געווען פארנאכט. האט דער דייטש געזאגט צו די אוקריינער: „איר גייט אוועק, איך דארף זיי אליין שיסן. איר טארט זיי ניט שיסן". האט ער גענומען פארנאכט און ער האט געשאסן ארויף, און ער האט זיי געהייסן לויפן. זענען זיי אנטלאפן. איך בין געשטאנען אויפן בוידעם און געזען ווי זיי האבן זיך באהאלטן אין א קעלער, מען האט זיי באמערקט און זיי ארויסגעפירט פון דארט. זיי זענען אנטלאפן און צוריק ארויף אויפן בוידעם. דער דייטש קומט צולויפן צו מיר, צווישן טאג און נאכט, און זאגט: „דו ווייסט, שרייבער, מען האט זיי אפגעלאזט". „זיי זענען דא אפן בוידעם, איך דאנק דיר זייער", האב איך געענטפערט. און איך האב אנגעהויבן וויינען. זאגט ער: „וואס? זיי זענען דא? איך גיב אייך איצט אלעמען אויס. כ׳לויף קלינגען אין פאליציי און געענדיקט מיט אייך. וואס ווילט איר, מען זאל מיך הרגענען צוליב אייך?" זאג איך אים: „טו מיר צוליב, האסט אונדז געראטעוועט ביז איצט, ווארט צו ביז נאכט, ס׳וועט ווערן טונקל. וועלן מיר אוועקגיין. קענסט זיך ניט איינהאלטן נאך איין שעה צייט?" זאגט ער: „גוט, איך ווארט". פארנאכט איז געווען א גרויסער שניי, אזא אומגליק אין דרויסן. קלאפט ער אן, מיט דער היטל האט ער געווארפן, מען זאל אים אויפמאכן די טיר. גיט ער א מאך: „שרייבער, איך וועל דיר זאגן. היינט איז א שלעכטער וועטער. גייט ניט היינט". זאג איך: „היינט אין אוונט גייען מיר אוועק". זאג ער: „ניין, גייט ניט היינט איז א שלעכטער וועטער. זייט נאך א פאר טעג און נאכדעם וועלן מיר זען". מיט איין מאל קומט ער צוגיין און זאגט: „הערט זיך איין קינדער, ביז וואנען איך בין געווען, האב איך אכטונג געגעבן, איצט איז שוין ריין פון יודן — און ס׳איז צו שפעט. גייט אראפ פון דעם בוידעם. איך וועל אייך ארויספירן פון די קאזארמעס. און דארט וועט איר גיין וווהין איר ווילט". פארנאכט האט ער אויפגעמאכט די טירן. ס׳איז דארט געווען אזא קארידאר. ער האט אונדז אריינגעפירט אהינצו און האט זיך געזעגנט מיט אונדז.

ווי נאר מיר זענען אריינגעגאנגען אין דעם קארידאר האט אונדז די אוקריינישע פאליציי באמערקט. גלאזער איז געווען א קורצזיכטיקער. איך האב אים געשלעפט ביי די פיס ער זאל זיך אראפזעצן, און זיי האבן אים באמערקט. ווי זיי האבן באמערקט, זענען זיי געלאפן נעמען דאס געווער. ווי נאר זיי זענען אוועק האב איך זיי אלעמען געגעבן א שלעפ, איציק גלאזער, ישראליק זינמאן, מיכלה בורשטיין, און דינה — די רעשט זענען אוועקגעגאנגען פון בוידעם פריער — נאר מיר 5 זענען געבליבן די לעצטע אויפן בוידעם. איך האב זיי פארבאהאלטן אין א שטאל פון שטרוי. און איך מיט ישראליק זינמאן זענען מיר ארויס זוכן א פלאץ אין א צווייטער קאזארמע. האבן זיי אונדז באמערקט און זענען אונדז אויפסניי נאכגעלאפן. ישראליק האט זיך באהאלטן. איך בין אריין אין א קעסל ערגעץ. מען האט אונדז געזוכט אהין־אהער. איך האב געקלערט ארויסצוכאפן די ביקס פון איינעם, כ׳וואלט ריזיקירט

מיטן לעבן און ארויסגעכאַפּט די ביקס. ער האָט זיך ניט דערנענטערט צו אונדז.

איציק מיט דינהן זענען אַוועק צו דעם לערער, וואָס האָט געהאַט דעם קאַראַקולענעם מאַנטל. און זיי האָבן איבערגעלאָזט מיין איציקע פרוי, מיכלע בורשטיין, אַליין אויפן שנײ. איך האָב ניט געוווּסט ווו זיי זענען און זי האָט ניט געוווּסט ווו איך בין.

איך האָב אַריינגעגנבעט מיכלען און פּאַרדעקט פון אויבן מיט מיסט. און די גויים גייען אַריין און זיי ווייסן ניט ווו מיר זענען.

די צוויי זענען אַוועקגעגאַנגען צום לערער, און דער לערער האָט זיי ניט אַריינגעלאָזט. זענען זיי אַוועק צוריק אין די קאַזאַרמעס. ער האָט אויפגעהאַנגען דאָס עסן אויף דער וואַנט, וואָס דער לערער האָט אים געגעבן, און זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין שטרוי. מען איז געקומען נעמען שטרוי, האָט מען זיי געפונען. איז נאָכגעגאַנגען ווייס און ער האָט געוואָלט זיי אַרויסראַטעווען. ווי אַזוי בין איך דערגאַנגען וועגן דעם? די שיקסע, ווו איך בין געלעגן פאַרבאַהאַלטן, האָט געאַרבעט ביי די דייטשן. זי איז געווען אַ דינסט דאָרט. האָט זי מיר דערציילט וואָס דאָרט איז געווען. מען האָט זיי אַוועקגעפירט אין שטאָט אַריין און מען האָט זיי געגוג געשלאָגן, און צוריקגעבראַכט צו די גריבער און מען האָט זיי געהרגעט — דאָס מיידל דינה קלאָרפיין און איציק גלאָזער. ווען ער איז אַוועק צום לערער האָט ער זיך מיטן יינגל פאַרלוירן. דער דייטש איז נאָכגעלאָפן, ער האָט געוואָלט העלפן. די שיקסע האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ. אָבער זיי זענען שוין געווען ביי דער זשאַנדאַרמעריע.

מיר האָבן געזען, אַז די גויע דריקט שוין צו, האָבן מיר זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעגאַנגען אין וואַלד אַריין. אין אַ רעגן־נאַכט האָב איך גענומען די צוויי קינדער, ישראליק זינמאַן און מיין איציקע פרוי, איך האָב זיי צוגעדעקט מיטביימער, און אַליין בין איך אַרויסגעגאַנגען צו אַן אוקראַינער פרעגן ווו איך בין. איך האָב גערעדט גוט אוקראַיניש. זאָג איך צו אים: „ווייסטו וואָס? איך בין אַ גוטער ערד־אַרבעטער. איך וועל דיר אַקערן, און דו גיב מיר אַ שטיקל ברויט". זאָגט ער: „וועער ביסטו?" זאָג איך: „איך בין אַ אוקראַינער". — ווי קומסטו אַהער? זאָג איך: „איך בין אַנטלאָפן פון די דייטשן". האָט ער מיר געגעבן די צוויי פערד, איך האָט געאַקערט און ער האָט געבראַכט ברויט.

א סך יידן האָבן אָנגעהויבן וווינען אין די שטיבער. איז וואָס וועלן מיר אַליין דריי בלייבן אין וואַלד? בין איך אויך ארויס אין א דאָרף. קאַמיאַנקע. דאָרט האָבן געוווינט פאַליאַקן. איך בין אַריין אין א שטוב, איך האָב זיי געמאָלקן די קי, געהאַקט האָלץ. איך און קופּערשמיד און מיכלע.

איינמאָל ביינאַכט איז געקומען צעלויפן לייזער בראַדאַליי און קלאַפּט אָן אין פענצטער: „שרייבער, ראַטעווע דיין לעבן!" ער האָט געהאַט א צעהאַקטן קאָפּ, דאָס בלוט האָט גערונען, אָן א העמד, פאַרדעקט מיט א שטיקל קאָלדרע. ער האָט ארויסגעריסן א ביקס ביי א באַנדעראָוויעץ. "מען האָט די נאַכט אויסגעהרגעט אַלע 90 יידן, וואָס זיינען געווען אין די שטיבער". דאָס איז געווען צום נייעם יאָר 1944. ס'איז געווען זייער קאַלט. בין איך ארויס באַרוועס אויפן שנײ, ביינאַכט. איך האָב דערזען דעם יידנס מצב, האָב איך גלייך ארויסגעשלעפּט בנימין קופּערשמיד מיט מיין פרוי, און ארומגעלאָפן זוכן נאָך א פּאָר יידן. א בּאַראַנאָוויטשער מיידל האָט דאָרט געהאַט א שוועסטער. מען האָט אַלעמען געהרגעט. לייב סטאַוו איז געווען א בּראַקער אין וואַלד מיט נאָך א כעלעמער בחור. ער האָט געוווּסט אַלע וועגן אין וואַלד. זיינען מיר געגאַנגען אין וואַלד.

אזוי ביזן סלוטש. דאָרטן זענען געווען רוסישע פּאַרטיזאַנער, דערנאָך האָט זיך שוין אָנגערוקט דער נצחון איבער די דייטשן.

אסתר זינמאן

דער לעצטער יום כיפור אין מעזשיריטש

ערב יום־כיפור אין געטאָ. דאָס נעבעכדי־קע רעשטל יידן וואָס זענען געבליבן פון דער ערשטער אַקציע, שטייען — לעבעדיקע מתים און מיט פאַרלאָשענע בליקן — אין דער רייע נאָך אַ פּאַרציע פון 200 גראַם ברויט, האַרט ווי אַ שטיין. ניט דערבאַקן. דאָס איז די „לח־מא עניא" וואָס מיר וועלן עסן ביים פאַרפאַסטן. ווער ס'האָט נאָך געהאַט עפּעס אַ שטיקל מל־בוש און דערצו נאָך אַ ביסעלע מזל, האָט עס אויסגעשטוישט ביי די גויים פאַר אַ ביסל מילך אָדער מעל, אָדער אַ שטיקל עוף. די האָבן פאַר־פאַסט „כיד המלך". אָבער די מערהייט יידן זענען געבליבן באַרויס־נאַקעט און האָבן ניט געהאַט מיט וואָס צו „האַנדלען". פאַרטרונקען האָט מען מיט עפּעס כמו־טיי. פאַרזיסט מיט אַ שטיקל בוראַק.

מיר האָבן באַשטימט דאַווענען ביי שואל שטיינדיל; ערשטנס, ווייל דאָס הויז שטייט אין דער נידער און ס'ניטאָ קיין דורכגאַנג נעבן הויז. צווייטנס, דאָרטן זענען געווען גרעסערע צימערן און וויניקער מענטשן. די פאַמיליע האָט נאָך גענאָסן פון אַ ביסל מער „רעכט": זיי האָבן געהאַט אַ גאַרבאַרניע ווו זיי האָבן באַאַרבעט פעלן פאַרן דייטשישן מיליטער און פאַר דער אוקראַינישער זשאַנדאַרמעריע. זיי האָבן געאַרבעט אַליין און באַשעפטיקט נאָך עטליכע יידן.

מיט זון־אונטערגאַנג זענען זיך צענויפגע־קומען אַ ביסל יידן זאָגן כל נדרי. יעדער איינער מיט זיין צעבראָכן האַרץ. די גזיכטער געלב, צעקנייטשט, אָפּגעצערט, די אויגן ווי פאַרלאָשן, טרויעריקע בליקן. קיין שפּיגל האָבן מיר ניט געהאַט, ער איז אויך געווען איבעריק. מיר האָ־בן זיך אָפּגעשפּיגלט איינער אינעם צווייטן. געזען איינער דעם צווייטנס אויסזען.

מיר האָבן גוט פאַרמאַכט און פאַרהאַנגען דעם פענצטער, מ'זאָל ניט אַרויסזען קיין ליכט. אָנגעצונדן אַ קליין נאַפט־לעמפּל און זיך גע־שטעלט זאָגן כל נדרי. מיר האָבן זיך שווייג־דיקע, מיט קלאַפּנדיקע הערצער צוגעהערט צום בעל־תפילה. בלוטיקע טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אונדזערע אויגן. באַוויינט אונדזערע אומ־שולדיקע קרבנות. און זיך אַליין. וואָס דערוואַרט אונדז אין גיכן? אונדזערע אויגן און הערצער זענען געווענדעט צום רבונו־של־עולם אין הי־מל, ער זאָל אויסהערן אונדזערע תחינות, אונדזער געבעט, געוויין, וואָס קאָן רירן אַ שטיין.

מיר האָבן געציטערט פון שרעק, טאָמער וועט זיך די זשאַנדאַרמעריע דערוויסן פון אונ־דזער „אונלעגאַלן" דאַווענען. אָבער אונדזער גרויס „פאַרברעכן" איז אַריבער בשלום. מיר האָבן זיך געווונטשן איינער דעם צווייטן אַ גוט יאָר, אַ כתיבה וחתימה טובה, און זיך צעגאַנגען. עטליכע יידן זענען געבליבן אויף אַ גאַנצער נאַכט, זאָגן תהילים.

צו מאָרגנס זענען די מערהייט יידן גע־נומען געוואָרן צו אַרבעט. די וואָס זענען געב־ליבן אין דער היים זענען זיך נאָך אַ מאָל צע־נויפגעקומען דאַווענען. פאַר מיטיק, 11 אַ זייגער בערך, האָט זיך צו אונדז דערטראָגן פון דרויסן אַ לייכטער רעש. מיר האָבן זיך איבערגעקוקט און אַ בליק געטון אין דרויסן. וואָס איז גע־שען? אונדערוואַרטעטע געסט פון שכנותדיקן שטעטל טוטשין. דערשראָקענע, מין אַן אויס־זען פון מתים און ציטערנדיקע הערצער, דער־ציילן זיי אונדז אַז די געסטאַפּאָ און די אוק־ריינער האָבן אַרומגערינגלט זייער געטאָ. די יידן האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן. זיי האָבן געקעמפט. זיי האָבן אַליין אונטערגעצינדן אַלע

זייערע הייזער. די טוטשינער געטאָ גייט אויף אין פלאַמען! יידן האָבן צעשניטן די שטעכיקע דראָטן פון פלויט און אַנטלאָפן אין וואַלד, אין די פעלדער, צום טייך. זיך דערטרינקען. זיי זע־נען אַנטלאָפן צו אונדז קיין מעזשיריטש. אפ־שר וועט גאָט העלפן און מיר דאָ וועלן ניצול ווערן... מיר האָבן אָנגעהויבן ציטערן פון שרעק.

ס׳שווער געווען ממשיך זיין דאָס דאַווענען. דאָך זענען מיר צוריק אַריינגעגאַנגען אין שטוב אַריין. אונדזערע אויגן זענען ווי אויסגעטרונקען געוואָרן. די הערצער פאַרשטיינערט. זיך שטיל אָנגעקוקט. וואָס וועט זיין מיט אונדז? וואָס וועט זיין?

נאָך „נעילה״. מיר האָבן זיך נאָך אַ מאָל אָנגעזעגנט אײנער דעם צווייטן ס׳זאָל געשען אַ נס און מיר זאָלן בלייבן לעבן — און זיך צעלאָפן. דער נס איז ניט געשען. אף מאָרגן, דינסטיק, זענען מיר ווייטער געגאַנגען צו דער אַרבעט. אויך מיטוואָך אַזוי. דערווייל איז שטיל.

דאָנערשטיק פרי. מיר גייען אַרויס צו דער אַרבעט — און עפּעס זעען מיר אַן ענדערונג. געסטאַפּאָווצעס אין זייערע שוואַרצע מונדירן און אַ האַקנקרייץ אָפן לינקן אַרבל שפּאַצירן שוין אין די גאַסן. אַ ביסל שפּעטער איז דאָס שטעטל פול געוואָרן מיט אוקראַיִנישע זשאַנדאַר־מען. די היגע און אויך פון די אַרומיקע שטעט־לעך.

פרייטיק אינדערפרי איז אונדזער געטאָ אַרומגערינגלט געוואָרן. דאָס איז געווען די לעצטע שחיטה פון די איבערגעבליבענע יידן.

דאָס איז אויך געווען דער סוף פון מעזשי־ריטשער יידן. ערב סוכות תש״ג—1942.

פעם אחת קשרו ההיידמקים באוקריינה ובדייסן קשר נגד היהודים ואמרו להרגם ולבוז את רכושם. כשהגיעה השמועה על כך למזריטש, באו ראשי העדה אל המגיד הקדוש ושאלוהו מה לעשות. כיון שראה כי ניתן כוח בידי המשחית ציוה שהכל, קטן וגדול, יסתתרו ביערות שמסביב לעיר ויקחו עמהם מרכושם כל מה שניתן לקחת. חבורה אחת הלכה אל בית הכנסת להציל את ספרי התורה ותשמישי הקדושה.

בבית הכנסת תלויה היתה בתקרה מנורה גדולה בעלת שלושים וששה קנים. מנורה זו רכש רבי אהרן הגדול בכסף שקיבץ מתלמידי המגיד ומחסידיו וצירף פרוטה לפרוטה.

כבר הוציאו את כל הכלים חוץ מן המנורה. בינתיים עמד ר׳ אהרן, בלי להשגיח במה שנעשה סביבו, ליד חלון אחד של בית הכנסת והביט החוצה. והנה הבחין שניגשו אל המנורה. כהרף עין היה באמצע האולם. "אל תגעו בה", קרא בקול חזק. שליחים באו אל המגיד להודיע לו מה שאירע וחיכו לפקודתו.

המגיד שמע את ההודעה ואמר: "הכול, גברים, נשים וילדים, כל העדה כולה, יתאספו בבית הכנסת".

כשראה שהעדה נתאספה בבית הכנסת שלח אל המגיד וביקש ממנו שירחם עליו ויבוא. המגיד לא ענה. שוב שלח ר׳ אהרן וביקש ממנו שיעזור לו כלשהו. המגיד לא ענה.

בית הכנסת היה מלא עדת יהודי מזריטש. הכל היו כאן, גברים, נשים וילדים. רק המגיד נפקד מקומו. והנה בא איש שעמד על המשמר והודיע לר׳ אהרן, שההיידמקים נמצאים בעיר. יצא ר׳ אהרן החוצה ועמד לפני מבוא בית הכנסת.

כשקרבו ההידמקים קרא כנגדם בקול עז:

"למה רגשו גויים!"

מפקד ההידמקים נטרפה עליו דעתו והתחיל מכה באנשיו. הלהקה נתפזרה.

בטכס חנוכת החדר

ב־2.6.1971 התקיים בהיכל יהדות ווהלין טכס פתיחת החדר על שם קדושי קהילת מז׳יריץ׳. השתתפו רוב חברי הארגון ומנהל בית הספר ״רמז״ בחולון המאמץ את עיירתנו, סגנו ותלמידי כיתות ח׳.

את המסיבה ניהל יו״ר הארגון מר ישראל סבוראי, שמסר סקירה על מפעלי ההנצחה של ארגון יוצאי מז׳יריץ׳. להלן קיצור דבריו:

כבוד הרב ידידיה פרנקל,
כב׳ מנהל בית הספר רמז בחולון מר הראל,
המורים, המחנכים וחברנו היקר משה אריון,
ילדים יקרים וקהל נכבד,

התכנסנו הערב בהיכל יהדות ווהלין לחנוכת החדר ע״ש יהודי מז׳יריץ׳ שהיו ואינם עוד. 3 אהבות היו ליהודים אלה — אהבת השם, אהבת ישראל ואהבת ארץ ישראל. וברוח זו חינכו את בניהם.

נוער יקר היה שם. רובם ככולם מאורגנים בהסתדרויות נוער ציוניות ובתי־ספר עבריים, וכל זה הושמד ע״י הצורר הנאצי. כשבאו נצולי השואה ובראשם גברת אסתר זינמן שהקדישה הרבה זמן וכח לענין, היתה כל מחשבתנו איך להנציח זכרם של הקדושים במדינת ישראל הקמה לתחיה. ואכן:

א. הוצאנו ספר זכרון, בו נרשמה מז׳יריץ׳ בבנינה ובחורבנה. שלא תישכח מלבנו.

ב. ביזמתם הברוכה של יוצאי מז׳יריץ׳ בקנדה ובפעילותם האקטיבית של חברינו היקרים יוסף קוצ׳ר ופרידל גורנשטיין ז״ל, הקמנו קופת גמ״ח ע״ש קדושי מז׳יריץ׳ הנותנת הלוואות בלי רבית ליוצאי העיר, בניהם ונכדיהם, וזה קושר גם את הדור הצעיר אלינו.

ג. ביה״ס רמז בחולון: המנהל, המורים, וחברנו משה אריון גילו הבנה רבה לענין, הודות להם לומדים התלמידים על העיר, כותבים חיבורים, משתתפים באזכרה ועושים הכל בכדי להנציח את יהודי מז׳יריץ׳, מי שקורא מה שהתלמידים כותבים ומציירים, מתרשם כאילו הם נולדו במז׳יריץ׳. הם שולטים יפה בנושא ועל כך יבורכו כל העוסקים באמונה בענין קדוש זה.

ד. **אזכרות**. שנה שנה, בא׳ דחוה״מ סוכות, אנו עורכים אזכרה ליהודי מז׳יריץ׳ שהושמדו. משתתפים באזכרות כל יוצאי העיר, בניהם ונכדיהם ותלמידי ביה״ס רמז ומוריהם, שאימצו את העיר.

ה. קרן מלגות. ביזמתם של יוצאי העיר בויניפג, קנדה, ובמאמצינו כאן הוקמה קרן מילגות ע״ש קדושי מז׳יריץ׳ לזכר נפטרים ואנו מחלקים מילגות לתלמידי ביה״ס המאמץ, ולבני בני עירנו, הלומדים בבתי ספר על יסודיים וגבוהים.

ו. עכשו אנו פותחים חדר קהילת מז׳יריץ׳ בהיכל יהדות ווהלין, שבו אנו מתיחדים עם הורינו, אחינו ואחיותינו, חברים ידידים וכל קהילת מז׳יריץ׳, תנצב״ה לדורי דורות. הבה ונקווה, שבחדר זה ילמדו ויכירו הדורות הבאים, מי היו אבותינו ומה עוללו להם, ויחס העולם כלו להשמדת העם. אז יבינו שלא יבטחו בנדיבים, כי אם בכוחותינו בארץ ובתפוצות.

כבוד הרב ידידיה פרנקל הרצה לפנינו על המגיד ממז׳יריץ׳ ולקח השואה. עמד בדבריו בעיקר על תפקידו הגדול של המגיד בהפצת החסידות בתקופה קשה ליהודים שלאחר משיחיות השקר של פרנק, ונתן עדוד ליהודים להתגבר על אסון זה. כן עמד על השואה והלקח

שאנו צריכים ללמוד ממנה, שאין לסמוך על אחרים שיבואו לעזרתנו כי אם לסמוך על עצמנו ועל העם היהודי בתפוצות.

מר מריאל צבי קבע את המזוזה על משקוף החדר.

2 באי־כח מועד הארגון בויניפג חתכו את הסרט וכל הקהל נכנס לחדר והתיחד עם נשמות הקדושים.

את טקס חלוקת המילגות הנחה סגן מנהל בית הספר "רמז", מר מ. אריון.

חלוקת המילגות

מר משה אריון: ערב טוב, קהל נכבד — חברי הועד, תלמידים ומורים, בני מז'יריץ' היקרים, אורחים נכבדים,

ערב חגיגי זה מוקדש לא רק לחלוקת מילגות ופרסים, הוא מוקדש בעיקר לזכרם של ילדי מז'יריץ' שאינם עוד. גם במסיבות וחגיגות נעלה על ראש שמחתנו את זיכרם של קדושי מז'יריץ'.

בעוברך ברחובות מז'יריץ' בימות החול ובימי שבת ומועד, בשעות הבוקר, בשעות הצהרים, בשעות הערב, ולעיתים גם בלילות — ישמעו אזניך קולות של משכימי קום; ותיקים מקדימים לתפילת שחרית, קולות מתפללים מבתי־הכנסיות ומבית־המדרש של "המגיד"; קולות של ילדים ב"חדרים" הלומדים חומש עם רש"י, השרים כולם בחום, ברננה, בניגון היוצא מן הלב; קולו־ניגונו של רבי שמחה רבין, מורנו בבית־הספר "אור התורה" שהתאמץ לחבב עלינו את התורה במשלים, אגדות וסיפורים.

יהודים יושבים ליד שולחנות ומתקינים "שלש־סעודות" (את הסעודה השלישית). מרבים בפזמונות ופיוטים, רוויי השתפכות ורגש, כשנשמותיהם לוהטות באהבת שבת־קודש, היוצאת לאט־לאט ממעונותיהם. בשעות עילאיות אלה תוקפים את בני החבורה געגועים עזים וכיסופי אין קץ לפדות ולישע משעבוד ומענות ומגלות... אלה הן שעות עגומות, אך ענוגות ביותר. מתוך האפלה המשחירה של בית הכנסת מסתלסלים קולותיהם של בני החבורה, המפזמים פסוקי דזמרה בניגון נוגה ודאב...

ערב תל־חי. חנהלה גרשמן חזרה זה עתה מן הפעולה בקן. היא יושבת על מדרגות ביתה ושרה בקול חרישי ונעים: "בגליל בתל־חי טרומפלדור נפל"... בשעה זאת כולם כבר שרויים בשינה, גם הרחוב ישן, על רקע השלוה הלילית נשמע קולה של נערה ממז'יריץ', רווי חלומות וכיסופים לארץ־ישראל הרחוקה—הקרובה...

כל הקולות האלו נדמו, אנו בערב זה, רוצים לדובב את הקולות של ילדי מז'יריץ', תלמידי ביה"ס ע"ש רמז בחולון יציגו בפניכם את החזיון "קיבוץ גלויות" מאת אביגדור המאירי, במאי החזיון — דן להב. אותו חזיון עצמו הציגו תלמידי „אור תורה" וביים אותו מורי ישראל צוקרמן, היושב בתוכנו, אני שמח לברך אותו ואת מורתי הגב' שרה זילברשטיין. הצגה זאת, מוקדשת באהבה וביגון לילדי מז'יריץ' שנכרתו באיבם.

מר מרדכי מצמן הקדיש את דבריו לאנשים שלזכרם ניתנו המלגות. הוא עמד על הקשר שבינינו לבין בני עירנו בוויניפג ואשר הודות לתרומותיהם הוקמה קרן המילגות. בני עירנו שהלכו לעולמם ולזכרם נתרמו המילגות, הלא הם: הניה אפשטיין ז"ל, אותה פגשנו בביקורה בישראל והיא שעמדה לימינו של בעלה מר שמעון אפשטיין יבדל"א בכל פעולה למען הארגון.

פסח גולדמן ז"ל שהתבלט במרצו ופעילותו בקרב בני עירנו שם, הזוג לובאטה, אשר את פעילותם ועזרתם הברוכה אנו זוכרים עוד משנות השלושים כאשר הושיטו עזרתם לעניי עירנו מז׳יריץ׳. ועוד. תנצב"ה.

חבר ועדת המלגות מר א. רובינשטיין חלק 6 מילגות לתלמידי ביה"ס רמז ולבני יוצאי מז׳יריץ׳. מנהל ביה"ס מר א. הראל השיב:

מכובדי, מורים, הורים ותלמידים.

בשם הנהלת ביה"ס "רמז" והתלמידים מקבלי המילגות, ברצוני להודות לארגון יוצאי מז׳יריץ׳ על המילגות המוענקות הערב לתלמידינו.

כאשר בית־ספרנו קיבל על עצמו לאמץ את קהילת מז׳יריץ׳ עשו זאת התלמידים שלא על מנת לקבל פרס, אלא מתוך הכרה ברורה ללמוד ולהכיר את אורח חייה של הקהילה שקנתה לה מקום כבוד בתולדות הקהילות היהודיות בווהלין ושחרבה בידי העמלק הנאצי.

מאז טקס האימוץ עד היום, קיים קשר אמיץ בין ביה"ס לבין ארגון יוצאי מז׳יריץ׳ כשהחוט המקשר הוא המחנך וסגן המנהל מר משה אריון, שאינו חוסך עמל וטורח לקשר בין השותפים במפעל ההנצחה.

מז׳יריץ׳ הייתה עיירה של לומדים ותלמידי חכמים. טבעי, אפוא, שבניה המבקשים להנציח את שמה, בחרו להם לשם כך בדרך החשובה של עידוד תלמידים ללמוד התורה והדעת. נקוה שתלמידים אלו, זוכי המילגות, ימשיכו בלימודיהם וינחילו כבוד לבית־ספרנו, למשפחתם, לעירם ולקהילת מז׳יריץ׳, ואותם התלמידים החדורים שמץ מתודעת העיירה, ימשיכו, ששלשלת הדורות לא תנותק.

בשירת התקוה ננעלה המסיבה.



ביים פרעזידיום־טיש פון מעזשירטשער לאנדסמאנשאפט־פארזאמלונג אין וויניפעג

דערפּענונג פון צימער „מעזשיריטש" אין היכל יהדות וװהלין

דעם 2טן יוני 1971 איז פאָרגעקומען אין היכל יהדות װוהלין די דערפּענונג פון צימער א. נ. פון מעזשיריטשער קדושים, אין דער אָנוועזנהייט פון כמעט אלע חברים פון מעזשיריטשער פאַר־באַנד אין ישראל ווי אויך דירעקטאָר, וויצע־דירעקטאָר און שילער פון „רמז"־שולע אין חולון, וואָס „פּאַראייביקט" אונדזער שטעטל.

פאָרזיצער פון פאַרבאַנד, ה' ישראל סבוראי, האָט געעפנט דעם אָוונט און איבערגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער פאַראייביקונגס־טעטיקייט פון מעזשיריטשער אין ישראל און קאַנאַדע.

מיר ברענגען דאָ אַן אויסצוג פון זיינע רייד.

כבוד הרב ידידיה פרענקעל,
דירעקטאָר פון „רמז"־שולע אין חולון, ה' הראל,
לערער, דערציער, אונדזער טייערער חבר משה אריון,
טייערע קינדער, חשוב פובליקום,

מיר זענען זיך צונויפגעקומען דעם אָוונט אין היכל יהדות וװהלין, כדי באַנייען דעם צימער א.נ. פון מעזשיריטשער יידן, וואָס האָבן געלעבט — און זענען ניטאָ מער. אומגעקומען דורך די פאַרשאָלטענע דייטשישע נאַציס.

דריי ליבעס האָבן פאַרמאָגט אין זיך יענע יידן — די ליבע צום רבונו־של־עולם, אהבת ישראל און די ליבע צו ארץ־ישראל.

און אין דעם גייסט האָבן זיי דערצויגן זייערע קינדער.

און אַ טייערע יוגנט איז דאָרטן געווען. אַלע ווי איינער זענען געווען אָרגאַניזירט אין ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און העברעיישער שולע — דאָס אַלץ איז פאַרניכטעט געוואָרן דורכן נאַציש שונא־ישראל. און ווען ס'זענען אָנגעקומען די ערשטע געראַטעוועטע מיט פרוי אסתר זינמאַן בראש, וועלכע האָט געווידמעט אַ סך צייט און כוח צום ענין, איז אונדזער איינציקע מחשבה געווען ווי אַזוי פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די קדושים אין דער אויפלעבן־דיקער מדינת ישראל. און ווירקלעך:

א. מיר האָבן אַרויסגעגעבן אַ יזכור בוך וועגן לעבן און חורבן פון מעזשיריטש, זי זאָל ניט פאַרגעסן ווערן פון אונדזערע הערצער.

ב. אַ דאַנק דער געבענטשטער איניציאַטיוו פון אונדזערע מעזשיריטשער פריינט אין קאַנאַדע און אַקטיווע טעטיקייט פון אונדזערע טייערע חברים יוסף קוטשער און פרידל גאָרנשטיין ז"ל, האָבן מיר געגרינדעט א גמילות־חסדים־קאַסע א. נ. פון מעזשיריטשער קדושים, וואָס גיט הלוואות אַן פראָצענטער צו כל דכפין פון אונדזערע שטאָטישע, זייערע קינדער און אייניקלעך, און דאָס פאַרבינדט צו אונדז אויך דעם ייִנגן דור.

ג. די שולע „רמז" אין חולון, דירעקטאָר, לערער און וויצע־דירעקטאָר, ח' משה אריון, האָבן באַוויזן גרויס פאַרשטענדעניש, אַ דאַנק זיי לערנען די קינדער וועגן אונדזער קהילה, שרייבן חיבורים, באַטייליקן זיך אין אזכרות און טוען אַלץ כדי פאַראייביקן מעזשיריטשער קדושים. ווער ס'לייענט וואָס די קינדער שרייבן און מאָלן, באַקומט דעם איינדרוק אַז זיי זענען געבוירן אין מעזשיריטש, זיי האָבן קענען־געלערנט די טעמא — און אַ יישר־כוח דערפאַר אַלע די וואָס זענען עוסק באמונה אין דעם הייליקן ענין.

וּפַעַם בְּמוֹצָשַׁ״ק פ׳ לֶךְ לְךָ כַּאֲשֶׁר ר׳ דֹּב־בֶּר הַמַּגִּיד מִמֶּזְ׳רִיטְשׁ׳ וּקְהַל חֲסִידָיו הָרַבִּים וְתַלְמִידָיו לִוּוּ אֶת שַׁבַּת הַמַּלְכָּה בְּצֵאתָהּ וְהוּא דָּרַשׁ בְּפָרָשַׁת הַשָּׁבוּעַ בְּקָשְׁרוֹ כְּדַרְכּוֹ פָּסוּק־אֶל־פָּסוּק וּמַאֲמָר־אֶל מַאֲמָר שֶׁפָּסַק כָּל אֶחָד מֵהַמְּסֻבִּים וְהוּא מְצָרְפָם וְעוֹשָׂם יְצִירַת־מִקְשָׁה אַחַת מַעֲשֵׂה־פְּסֵיפָס, רָמַז בֵּין הַשְּׁאָר עַל עִנְיַן הַגְּאֻלָּה וְכִי מִן הַשָּׁמַיִם עִכְּבוּ וְנָטְלוּ הַדִּבֵּר מִפִּי תַּלְמִידָיו. וְהָיְתָה זוֹ טָעוּתוֹ הוּא בִּלְבַד שֶׁלֹּא הִסְתַּמֵּךְ עַל כָּל עָמְק בֵּית יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר סִבְלָם וּמְצוּקָתָם עֲמֻקִּים מִנִּי־יָם אֶלָּא סָמַךְ עַל בְּחִירֵי־תַלְמִידָיו בִּלְבַד שֶׁלֹּא מְרֻבִּים בֵּינֵיהֶם עֲנִיִּים מְרֻדִּים מַמָּשׁ. וְעוֹד רָמַז, שֶׁפְּשׁוּטֵי־הָעָם וּבְנֵי עֲנִיִּים שֶׁהֵם רֹב מִנְיָנוֹ וְרוֹב קִנְיָנוֹ שֶׁל הָעָם וּמֵהֶם יֵצְאוּ צַדִּיקִים, יִהְיוּ בַּבּוֹנִים, אוּלָם כַּאֲשֶׁר זֹאת תְּהֵא דֶּרֶךְ הַצָּלָתָם הָאַחֲרוֹנָה, שֶׁכֵּן דַּם יְהוּדִים עוֹד לֹא אַחַת יִשָּׁפֵךְ, לְמַרְבֵּה הַצַּעַר הַכְּאֵב וְהַיִּסּוּרִים, לְכַפֵּר עַל כָּל עֲווֹנוֹתֵינוּ, וְכִי אַעַפִּ״י כֵן הָיְתָה בְּכָךְ מִשּׁוּם ״אַתְחַלְתָּא״.

וְשִׁיר־נִגּוּן חָדָשׁ שָׁרוּ ר׳ דֹּב־בֶּר וְתַלְמִידָיו וַחֲסִידָיו בִּסְעֻדַּת־מְלַוֵּה־מַלְכָּה הַהִיא:

אָמֵן וְאָמֵן אַי – אַי – אַי אֱמֶת וְיַצִּיב בּוֹא יָבוֹא הַגּוֹאֵל אַי – אַי – אַי לִבֵּנוּ תְּחִנָּה
וּלְצִיּוֹן נַעֲלֶה אַי – אַי – אַי נַעֲלֶה בְּרִנָּה:



אתקינו סעודתא לר׳ דוב־בר, המגיד ממז׳יריטש

אמר ר׳ לייב בן שרה:

– נסעתי אל רבי המגיד לא בשביל לשמוע תורה מפיו, כי אם כדי לראות כיצד הוא קושר את שרוכי נעליו בקדושה וטהרה.

צו זייער אנדענק איז געגרינדעט געווארן דער סטיפענדיעס-פאנד *)

מעזשירישער יידן האָבן ליב געהאַט תורה. דאָס לערנען לשם שמים. זייער גרעסטע שטרעבונג אין לעבן איז ניט געווען נתעשר ווערן. דאָס נאָכיאָגן זיך נאָך רייכטום. נאָר אַז זייערע קינדער זאָלן לערנען און ניט אויסוואַקסן חלילה קיין עם־הארצים. און לערנען — האָט געהייסן קודם כל אַלץ וואָס געהער צו יידישקייט.

געווען איז אין שטעטל אַ פוילישע פאָלקס־שולע, אויסגעהאַלטן פון דער רעגירונג, ווי אין אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך — אָבער וועלכע יידישע למדנים קאָנען עפּעס אַרויס פון אַזאַ מין שולע? — האָבן יידן איינגעלייגט וועלטן און ניט גערוט ביז ס׳זענען געגרינדעט געוואָרן 2 שולעס מיט אַ מאָל: אַ „תרבות״־שולע און אַ רעליגיעזע „אור־תורה״־שולע. ביידע אָפּן ריין עברית־לשון. האָבן קינדער, מיט דער צייט, טאַקע אָנגעהויבן רעדן עברית ווי דאָס וואָלט געווען זייער מאַמע־לשון. אין שולע, אין שטוב, אין גאַס. געפילט האָבן אונדזערע עלטערן בחוש, אַז ציוניסטישע־נאַציאָנאַלע דערציונג און די העברעיִשע שפּראַך גרייטן צו זייערע קינדער צו אַ ניי לעבן אין ארץ־ישראל.

געטריי אָט די „גייסטיקע צוואה״ פון אונדזערע עלטערן, און כדי איר מקיים זיין ממש, האָבן באַשלאָסן ישראלדיקער און קאַנאַדער פאַרבאַנדן פון מעזשירישער יידן, גרינדן אַ סטיפּענדיעס־פאָנד פאַר נויטבאַדערפטיקע קינדער אין ישראל. געשפּענדעט דאָס געלט צו דעם צוועק האָבן אונדזערע חברים און פריינט אין וויניפּעג, מיט דער ביטע, פאַראייביקן אַזוי־אַרום דעם אָנדענק פון זייערע פאַרשטאָרבענע קרובים.

יאָר־איין יאָר־אויס ווערן פאַרטיילט די פּראָצענטער פון פאָנד צווישן די קינדער פון דער „רמז״־שולע אין חולון, ישראל. כמעט אַלע קינדער זענען „סאַברעס״, אַ גרויסע טייל פון די מזרח־עדות. זיי האָבן קיינמאָל ניט געהערט דעם נאָמען פון אונדזער שטעטל. בכלל האָבן זיי ניט געהאַט קיין באַגריף וועגן מזרח־אייראָפּעיישן יידנטום — דאָך האָבן באַוויזן די לערער און בפרט אונדזער חבר ה׳ משה אַריון, אריינדרינגען אין זייער באַוואוסטזיין אידענטיפיצירונג מיטן לעבן (און שרעקליכן טויט) פון מעזשירישער יידן. די גרויסע בקיאות פון די קינדער וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אין זייער שרייבן און מאָלן וועגן יידישן לעבן אין מעזשיריטש איז אַ באַווייז אַז מיר האָבן קיין טעות ניט געהאַט אין אונדזער באַשלוס אַז די קעגנזייטיקע אַדאַפּטאַציע איז אַ דבר בעתו. איז ווערן פאַרטיילט די סטיפּענדיעס אָרימע און טאַלאַנטפולע קינדער יאָר־איין יאָר־אויס, דערמאָנענדיק דערביי בעתן פייערליכן מעמד, די נעמען פון די וואָס צו זייער אָנדענק איז דער פאָנד געגרינדעט געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע אומגעקומענע מעזשירישער קדושים.

תנצב״ה.

מרדכי מאַצמאַן

---

* בגלל חוסר מקום לא מובאים בחוברת זו דברים על יתר חברינו הנעדרים; בתכנית ועד הארגון להוציא, לכשירחיב, חוברת מיוחדת לזכרם.



פסח גאָלדמאַן ז"ל

געבוירן אין מעזשיריטש אין 1898. גע־הייראַט מיט פייגע זאַוואַדניק, אויך אַ מעזשירי־טשער אין 1922. די עקאָנאָמישע לאַגע פון יידן אין יענער צייט, בסך־הכל עטליכע יאָר נאָך דער וועלט מלחמה, איז געווען וואַקלדיק בפרט אין די קליינע וואָלינער שטעטלעך אונטערן פוילישן רעזשים — האָט פסח גאָלדמאַן, אַ ייד אַ רעאַליסט, זיך אויפגעהויבן אין יאָר 1926, גענומען זיין פרוי פייגע און זיינע צוויי קינדער וואָס זי האָט אים געבוירן און פשוט אַריבער־געפאָרן קיין וויניפעג, קאַנאַדע. אַ מענטש דאַרף ניט זיצן ווי אַ וואָרם אין כריין. משנה מקום — משנה מזל.

די ערשטע צייט אין דאָס לעבן ניט געווען לייכט אין דער פרעמד — פרעמדע מענטשן, אַ פרעמדע שפּראַך, פרעמדע זיטן און מנהגים. אָבער פסח האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. גע־אַרבעט, געלעבט בכבודיק, געשפּאָרט, פאַרגרע־סערט זיין פאַמיליע. נאָך צוויי זין זענען אים געבוירן געוואָרן אין וויניפעג.

ווען פסח האָט זיך עקאָנאָמיש באַפעסטיקט האָט ער אָנגעהויבן זוכן זיינע קרובים, זיינע לאַנדסלייט, ער האָט, וואָס אמת, אויך ווען ער האָט שווער געאַרבעט, געשטיצט יעדן וואָס האָט זיך גענויטיקט אין זיין הילף, אָבער ווען ס'האָט זיך געשאַפן אין וויניפעג, גלייך ווען ס'באַוווסט געוואָרן וועגן דער שרעקליכער נאַ־צישער שחיטה איבער יידישע קהילות אין איי־ראָפּע און וועגן חורבן מעזשיריטש, דער מעזשי־ריטשער קאָמיטעט פאַר שיקן הילף אין די לאַ־גערן כדי ארויסהעלפן די שארית־הפליטה —



פראַדל גערשמאַן ז"ל

געשטאָרבן י"א תשרי תשל"א.

געווען פון די ערשטע מעזשיריטשער ווע־טעראַנען אין וויניפעג. אַ גוטמוטיקע פרוי מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ. געווען טעטיק אין יידי־שן פרויען־פאַרבאַנד אין וויניפעג און זיך וואַרעם אָפּגערופן אין אַלע ציוניסטישע אַקציעס. אַליין געשפּענדעט און געווען איבערגעגעבן דער אַקציע פאַראייביקן דאָס מעזשיריטשער יידנטום.

איז פסח געווען פון די ערשטע וואָס האָבן זיך גלייך אָפּגערופן און זיך "צוגעשטעלט". ביי אים אין שטוב האָט מען געמאַכט פּעקלעך צו שיקן ווו נאָר ס'בויטיק. זיין שטוב איז געווען אָפן פאַר אַלעמען. בייטאָג און ביינאַכט. איז געווען פול מיט מענטשן און זאַכן.

פסח איז אויך געווען אַ טראַדיציאָנעלער ייד און אָפּגעהיט מסורה און מצוות. די שול ווו מיר אַלע מעזשיריטשער דאַווענען איז געווען ביי אים זיין צווייטע היים.

אין זיינע לעצטע יאָרן, ווען ער האָט ניט געאַרבעט און שוין ניט באַדאַרפט אַרבעטן — ער האָט באַצייטנס אָפּגעשפּאַרט אַף דער עלטער — אויך דעמאָלט האָט ער געלעבט בכבוד'יק אַרומגערינגלט און אָפּגעהיט פון זיין געטרייער פרוי און איבערגעגעבענע קינדער. ער האָט געוואָלט דערלעבן זען זיין יינגסטן זון פאַר־ענדיקן זיין שטודיום אין אוניווערזיטעט — און טאַקע זוכה געווען אים זען אַלס פּראָפעסאָר אין אַן אָנגעזעענעם קאָלעדזש.


אויך אין זיינע לעצטע יאָרן, ווען ער איז שוין ניט געווען ביים בעסטן געזונט, האָט ער געטון וואָס מ'האָט פון אים פאַרלאַנגט פאַר די מעזשיריטשער לאַנדסלייט אין וויניפּעג און אין ישראל און אפילו דערמוטיקט אַנדערע און גערופן זיין אַקטיוו אין דעם שטח, כל זמן שה־נשמה בקרבך.

געשטאָרבן איז ער אין ט' סיון תשכ"ט (1969). כבוד זיין אָנדענק!

יהושע עפּעל

גדליה און ביילע לובאַטע ז"ל





גדליה איז געבוירן אין קילעקיעוו, אוק־ריינע. געלערנט אין חדרים, ווי דער שטייגער אין יענע צייטן אין דער אַלטער היים. חתונה געהאַט אין מעזשיריטש מיט ביילען און ס'זיי געבוירן געוואָרן צוויי טעכטערלעך: ענע און טייבל. גדליה האָט געזען אַז ס'ניט קיין תכ־לית בלייבן אין מעזשיריטש ווו ס'שווער צו מאַכן אַ לעבן און איז דערווייל אַליין אַריבער־געפאָרן קיין קאַנאַדע. און ווירקלעך, ער האָט זיך גלייך איינגעאָרדנט און גלייך אָנגעהויבן צוגרייטן די היים פאַר זיין פאַמיליע, וואָס איז צו אים אַריבערגעקומען אין 1920.

גדליה לובאַטע איז געווען אַ שטילער מענטש פון דער נאַטור, אַ געטרייער מאַן און פאָטער, בכלל אַ גוטהאַרציקער מענטש און גע־לעבט זיך אַ שטיל, רוייק פאַמיליען־לעבן. ער איז געווען אַ שמח בחלקו.

ער איז געווען אַ שומר־שבת. קיינמאָל אין

זיין לעבן ניט געאַרבעט שבת און יום־טוב. אויך ווען דאָס האָט אים געשטערט אין זיין פּרנסה. זיין פאַרגעניגן איז געווען גיין שבת און יום־טוב אין שול אַריין, סיי זומער סיי ווינטער. ער פלעג דאַוונען און לייגן תפילין יעדן טאָג און אָפּגעהיט די מצווה פון מתן־בסתר. האָט זוכה געווען און געהאַט נחת פון קינדער און אייניקלעך.

געשטאָרבן איז ער י״א טבת תשכ״ט — 20.12.1969 — אין וויניפּעג. תנצב״ה.

שמעון עפּשטיין

✶

ביילע איז געווען אַ פרוי וואָס האָט ניט געלעבט פאַר זיך אַליין, פאַר איר וואַרימע היים און פאַרן ווילטאָג פון איר פאַמיליע בלויז; גלייך ווי זי איז אָנגעקומען מיט אירע צוויי טעכטערלעך אין דער צוגעגרייטער היים פאַר זיי אין וויניפּעג, נאָכדעם ווי זי האָט זיך אַ ביסל „אַרומגעזען", האָט זי זיך פאַרבינדן מיט אַ צווייטער אידעלער פרוי, חנה קופּער ע״ה, און צוזאַמען האָבן זיי געגרינדעט די מעזשירישטשער לאַנדסמאַנשאַפט. צוגעצויגן צו זיך אַנדערע פרויען און זיך אָרגאַניזירט מיטן צוועק צו פאַרזאָרגן די שוואַכע אָרימע און הילפלאָזע, אין געבוירן־שטעטעלע מעזשיריטש, וואָס האָבן אין יענער צייט שטאַרק זיך גענויטיקט אין הילף.

ענע לובאַטע־עפּשטיין ז״ל
(12.7.1908—30.6.1970)

ענע איז אָנגעקומען קיין קאַנאַדע מיט איר מאַמען און קלענערע שוועסטער, צו איר פאָטער וואָס איז שוין געווען דאָרט ווען זי איז געוואָרן בת־מצווה. געלערנט האָט זי, ווי דער שטייגער דעמאָלט אין קאַנאַדע, אין ענגלישע שולן. אָבער זי האָט אויך געשטרעבט לערנען יידיש, כדי זיך באַקענען מיט דער נייער יידישער ליטעראַטור און אין 1926 האָט זי אויך פאַרענדיקט די י. ל. פּרץ פאָלקסשולע אין וויניפּעג. אַ גוט־דערצויגן מיידל, מיט אַ גוט יידיש האַרץ און באַשאַנקען מיט יידישן חן

„ווי קאָנען מיר פאַרגעסן די גרויסע אָרימקייט אין דער אַלטער היים און זיי לאָזן אַזוי ליידן" — האָבן זיי געטענה׳ט.

איך געדענק די זאַך זייער גוט. איך בין געווען אַ יונג יינגל ווען דאָס געזאַמלטע געלט פלעג אָנקומען צוויי מאָל אַ יאָר, ערב ראש־השנה און ערב פּסח, כדי דאָס צעטיילן פאַר אָרימע וואָס נויטיקן זיך אין הילף.

אַ דאַנק די צוויי נאָבעלע פרויען, ביילע לובאַטע און חנה קופּער, ע״ה, זענען מיר אַ גוטע אָרגאַניזירטע לאַנדסמאַנשאַפט דאָ אין וויניפּעג וואָס צייכנט זיך אויס אין שאַפן הילף פאַר מדינת ישראל, אָבער מיר טוען אויך פאַר אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט און פאַרן פאַראייביקן אונדזערע קדושים. אַזוי האָבן מיר זיינער־צייט איבערגעשיקט 4 טויזנט דאָלאַר פאַר אַ צימער אין היכל־ווהלין א.נ. פון קדושי מעזשיריטש. די נאָבעלע ביילע לובאַטע ע״ה איז געווען די ערשטע וואָס האָט זיך באַשטייערט צו דעם צוועק.

דאָס האַרץ, וואָס איז שטענדיק געווען אַזוי וואַך צו יענעמס ליידן האָט, צום גרויסן ווייטיק, אין איין טאָג געפּלאַצט. אוועקגענומען געוואָרן צווישן אַלע נשים צדקניות אין גן־עדן. מיר וועלן איר קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

יהושע עפּעל



און צניעות, איז זי געווען באַליבט ביי אַלע־מען, און אַזאַ איז זי פאַרבליבן איר גאַנץ לעבן.

יוני 1935 האָט זי חתונה געהאַט מיט שמעון (סעם) עפשטיין און אין משך פון 35 יאָר האָ־בן זיי געהאַט אַ גליקלעך פאַרהייראַט לעבן, געווען אַ גוטע געטרייע פרוי און מוטער, געווען איבערגעגעבן מיטן גאַנצן האַרצן אירע עלטערן, איר איינציקער שוועסטער טאַראַ אָרענשטיין, אירע שוועסטער־קינדער, פלימעניקעס, פלימע־ניצעס און באַליבט אַף אַלע אירע פריינט און באַקאַנטע.

מיט אַ פערזענלעכן אינטערעס, מיט האַרץ און נשמה, האָט זי געהאָלפן, צוזאַמען מיט אירע מעזשיריטשער לאַנדסלייט אין וויניפעג, זייערע פריינט און לאַנדסלייט אין ישראל, אַרויסגעבן דעם יזכור־בוך „מזשיריטש הגדול", גרינדן די גמ"ח־קאַסע, דעם סטיפּענדיעס פאָנד, זיך באַ־שטייערן פאַרן „היכל ווהלין". ישראל איז געווען אַ טייל פון איר לעבן. האָט באַלאַנגט צו חנה סענעש־פּיאָנירן־פרויען פאַראיין, געשטיצט אַלע ישראל־קאַמפּיינען און תמיד מיט איר האַרציקן שמייכל אַף די ליפּן. געשטיצט אַלץ וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט יידישן לעבן בכלל און ישראל בפרט.

באַזוכענדיק אין ישראל (אָקטאָבער 1969) האָט זי זיך געפרייט זען זיך מיט אירע קרו־בים, מיט מעזשיריטשער לאַנדסלייט, באַזוכן דעם „היכל ווהלין", באַוווּנדערן דאָס לאַנד־און געהאַפט קומען נאָך אַ מאָל, און אפילו זיך אַ מאָל דאָ באַזעצן.

זי האָט ליב געהאַט טראַדיציע. טראַדיצ־יאָנעלע מנהגים ווי ליכט בענטשן יעדן פריי־טיק־צו־נאַכטס, פירן אַ שטרענג־כשרע קיך ווי ס'האָט זיך געפירט איר פרומע, ערליכע מוטער ביילע לאבאטא ע"ה און אַרויסהעלפן. העלפן יעדן איינעם, סיי קרובים סיי פרעמדע. מיט אַלץ. מיט אַ גוט וואָרט און אַ סך מאָל מיט גוט געלט. זיך גרויסמוטיק באַשטייערט פאַרן מע־זשיריטש־צימער אין היכל ווהלין.

סטיפּענדיעס אַף איר נאָמען ווערן יעדן יאָר געגעבן פאַר שול קינדער אין י. ל. פרץ־שולע אין וויניפּעג און אין ישראל.

י. סבוראי

חנה פלאסקער ז"ל

פון אונדזערע אַנגעזעענע לאַנדסלייט אין וויניפעג. אָנגעקומען אַ הער פון מעזשיריטש אין 1929, זיך גלייך אָנגעשלאָסן און געוואָרן אַק־טיוו אין דער מעזשיריטשער לאַנדסמאַנשאַפט און געווען איבערגעגעבן בלב ונפש. גלייכ־צייטיק איז זי אויך געווען זייער אַן אַקטיווע אין פרויען־מזרחי־פאַרבאַנד אין דער תפארת ישראל־שול.

איבערגעלאָזט נאָך זיך איר מאַן צבי, 8 טעכטער אין וויניפעג, וואַנקערוווער, ישראל, ניו־יאָרק, סיאַטל, פאָרטלענד, קליוולאַנד, איי־דעמס, 23 אייניקלעך און 11 אוראייניקלעך — כן ירבו.

געשטאָרבן איז זי י"ט בחשוון תשכ"ו — 2.11.1966.

צו איר ערשטן יאָרצייט זענען איינגעלאַדן געוואָרן אַלע לאַנדסלייט און וואָלינער פריינט



אויף אַן אָנדענקס אָוונט אין הויז פון ה' און פרוי י. עפּעל אין וועסט קילדאָנען, וויניפעג און די הכנסה פון אָוונט איז געשפּענדעט געוואָ־רן צו בויען דעם היכל ווהלין אין גבעתיים,

מיט דער האָפנונג אַז דאָס וועט זיין אַ דענק־מאָל פאַר אַלע וואָלינער קדושים, וואָס די פאַרשטאָרבענע חנה פלאָסקער האָט אַזוי גע־שעצט און געליבט, און אַ נר־תמיד וועט דאָרטן ברענען צו זייער אייביקן אָנדענק.

מרדכי מאַצמאַן

יעקב קופּערבאַנד ז״ל



געשטאָרבן י״ט שבט תשל״ג (22.1.1973) אין אַנאַהיים, קאַליפאָרניע. שטודירט אין ישי־בה־יוניווערסיטי, קאָלאָמביאַ־יוניווערסיטי, און אין מעדיצינישן פאַקולטעט אין שיקאַגאָ. פאַר־דעם האָט ער געלערנט אויך פּעדאַגאָגיע. פּראַק־טיצירט אין ניו־יאָרק און אין שיקאַגאָ. אָרטאָ־פּעד הארצט־מיטגליד אין קוק־קאָונטי־שפּיטאָל, שיקאַגאָ, און שפּעטער הויפּט־הארצט אין קינ־דער־אינוואַלידן־האָספּיטל אין לואיסוויל, קענ־טאַקי. געעפנט אויך אַן אָרטאָפּעד־קליניק אין אַנאַהיים און געווען דאָרט טעטיק ביז זיין פריצייטיקן טויט.

געווען אַ וואַרימער רעליגיעזער ציוניסט. באַזוכט אין ישראל. ס'איז געווען זיין פּלאַן און פאַרשלאַג פאַראייניקן דעם מעדיצינישן פאַקול־טעט מיטן טעכניאָן אין חיפה. זיינע 2 טעכטער בלאָזאָם און נאַטאַשאַ לעבן אין ישראל.

זיין ארון איז איבערגעפירט געוואָרן קיין ישראל און באַהאַלטן געוואָרן אויפן הר הזי־תים, ירושלים, ווו ער האָט זיך געקויפט ביי זיין לעבן אַן אחוזת־קבר.

אברהם און אידא קלאָנאָוו ז״ל



אברהם י. קלאָנאָוו — געשטאָרבן ג׳ תמוז תשל״ב אין וויניפּעג.

אידאַ קלאָנאָוו — געשטאָרבן י״ד אייר תשכ״ג אין וויניפּעג.

געווען שווער און שוויגער פון מיכעלע פלאָסקער.

הגם זיי שטאַמען ניט פון מעזשיריטש, האָ־בן זיך אידאַ און אברהם קלאָנאָוו באַטייליקט אין אַלע אַקציעס פון מעזשיריטשער לאַנדס־מאַנשאַפט אין וויניפּעג, מיטגעריסן פון אידעאַל פאַראייביקן דעם אָנדענק פון מעזשיריטשער אומגעקומענע יידנטום און געווען אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכער־ציוניסטישער טעטיקייט.

יד לבנים

ברוך גאָלדמאַן הי"ד



געבוירן אין מעזשיריטש אין אויגוסט 1927. פון קינדווייז־אָן געלעבט ווי אַ יתום צוזאַמען מיט נאָך קינדער און אַ שטיף־מאַמע. פון זיינע פריסטע יאָרן האָט ער געאַרבעט שווער אין זיין טאַטנס (מענדל) אויליניצע.

מענדל גאָלדמאַן איז געלונגען בעת דער ערשטער נאַצישער שחיטה אין מעזשיריטש, זיך באַהאַלטן מיט אַלע זיינע קינדער, אָבער פון דער צווייטער שחיטה האָט ער זיך געראַטעוועט בלויז מיט 3 זין (אָן די טעכטער), ברוך, דער עלטסטער, איז דעמאָלט אַלט געווען 11 יאָר. ביז 1944 האָבן זיי זיך באַהאַלטן אין וועלדער, אין הונגער און קעלט, באָרוועס און נאַקעט. נאָכן זיג האָבן זיי זיך צוריקגעקערט קיין מעזשיריטש. דאָס שטעטל איז געווען וויסט, אויסער די גאַס פון „הויף" און קופּערשמידס אויליניצע, וואָס דאָרט זענען געבליבן די הייזער, וועלכע די סאָוויעטן האָבן רעקווירירט. דער טאַטע מענדל האָט אָנגעהויבן אַרבעטן ביי זיין פאָך און ברוך — אַלס מילנער ביי זשענקע לאַמאַקין. ער האָט שנעל געלערנט דעם פאָך און מ'האָט אים ליב געהאַט. ער האָט אויך אָנטייל גענומען אין געיעג נאָך באַנדעראָוועצעס און אַנדערע אוקראַינישע יידן־רוצחים.

בעת דער רעפּאַטריאַציע פון פּוילישע בירגער, זענען די גאָלדמאַנס אַריבער קיין פּוילן און ברוך איז עולה געווען קיין ישראל מיט אַ יוגנט־גרופּע מיט דער מעפּילים־שיף „דב הוז" און אָנגענומען געוואָרן אין קיבוץ כפר־סאָלד.

אין 1946 האָט ער, צוזאַמען מיט אהרן אוטניק (וואָס איז עולה געווען צוזאַמען מיט מיר), פאַרלאָזט דעם קיבוץ און זיך איינגעאָרדנט, מיט דער הילף פון אונדזערע מעזשיריטשער חברים אין ישראל, בפרט דאָשאַ ברויטמאַן און חווה גיסיס, אין קרית־חיים נעבן חיפה, געלערנט בוי־פאַכן — און אָנגעהויבן מאַכן אַ לעבן. כ'האָב זיך זייער געפרייט ווען כ'האָב זיי באַזוכט און זיי געטראָפן אין אַ שיינער, גוט איינגעריכטעטער וווינונג — און צופרידן ביז גאָר.

אָבער ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און די צוויי יוגנטלעכע האָבן זיך מאָביליזירט אין צה"ל (חטיבת כרמלי). זיי זענען געשיקט געוואָרן אין צפונדיקן פראָנט, נעבן נהריה (משמרת יחיעם). זיי זענען געווען גליקליך וואָס זיי גייען באַשיצן די מולדת און איר באַפרייען פון די דעמאָלטיקע אַראַבישע באַנדעס. אָבער ברוך האָט ניט דערלעבט זען די באַפרייונג פון אונדזער לאַנד: בעת אַ קאַמף מיט אַן אַראַבישע באַנדע האָט ברוך געזאָלט וואַרפן אַף זיי אַ האַנט־גראַנאַט, אָבער דער גראַנאַט האָט זיך פאַרטשעפּעט אין זיין אַרבל — און ער איז געפאַלן טויט.

דאָס איז געווען דער גורל פון אַ מעזשיריטשער יינגל, אַ יתום וואָס איז לעבן געבליבן פון די נאַצישע נעגל און געפאַלן פאַרן אויפלעבן פון ישראל.

לאָמיר אים שטענדיק געדענקען.

אסתר זינמאַן

בננו היקר צבי'קה יזרעאלי הי"ד



צבי'קה גדל בקושי רב. כוח רב היה דרוש כדי לשמור על בריאותו. דומה, כל המחלות אשר רווחו בישוב בכל שנות ילדותו ונעוריו לא פסחו עליו.

בעקבות זאת הפך לילד ולנער מפונק.

אך הצלחנו להוציאו מכל צרותיו ומחלותיו בשלום.

ופתאום קם גיבור בישראל.

התגייס לצבא יחד עם חבריו, בני גילו, אך הוא בחר ללכת ליחידה מבצעית מיוחדת.

כאשר הערתי לו על חרדתי לו, וכי בשבילי, אמא, לא היה צריך לבחור בתפקיד כה מסוכן, היתה תשובתו: "אני אוהב אותך, אמא, אך אינני אוהב להתחבא מאחורי סינורה של אמא. אינני רוצה להיות חייל לחצאין. בני ההתיש־בות העובדת צריכים להיות חיילים מאה אחוז. לשמש דוגמה לאחרים ולמלא גם את כל המ־שימות הקשות. אל להם לחפש ג'ובים!"

ובמסגרת פעילותו ביחידה היו חייו תמיד נתונים בסכנה, בצניחות, בסיורים וכו'.

כמה פעמים היה צבי'קה "מעבר מזה" ועמד פנים־אל־פנים עם מר המוות?

בפעולות בקלקיליה, בעקבותיהן זכה לצל"ש מטעם אלוף פיקוד המרכז על מעשהו המופתי, כאשר ראה כי נוסף לאש האויב עלולים התותחים שלנו לטעות ולפגוע גם באנשי החסימה, "תפס פיקוד" וטיווח את התותחים באמצעות מכשיר הקשר.

הוא השתתף בהרבה פעולות תגמול ועבר חוויות קשות של נשיאת גופות חבריו, שנפלו חלל, על גבו, לאחר קרב.

ועם זאת מעולם לא נפלה רוחו בקרבו.

אולם במלחמת סיני הקצרה נלכדה יחידתו במעבר המיתלה ואש הומטרה עליה מכל עבר. קשה היה למצוא מחסה ומסתור מאש ופגזים ואי־אפשר היה להגיש עזרה. צבי'קה נפגע, אך המשיך ללחום עד כלות כוחותיו — ושוב נפגע ונפל. חברו שנפל פצוע לידו עוד הספיק לשמוע דבריו האחרונים. בקראו להמשיך בקרב ולמסור ד"ש בבית.

איך נפל גיבורנו, בלי שתוגש לו עזרה!

צביקה היה בן מסור לבית ולמשפחה. תמיד ניסה לעזור לזולת. הכפר והמשק היו לו יקרים מכל. בכל מכתב ומכתב ביקש להודיע לו על הנעשה בבית ובכפר בפרטי פרטים וביקש למסור ד"ש לקשישים וצעירים, שאת שמותיהם פירט.

חבריו הרגישו אצלנו בבית כבביתם הם. כשהזדמן עם חבריו ליחידה הביתה ואני קיבלתי אותם בכבוד רב ובאהבה, כי ידעתי שזה רצונו, היה מאושר, ואחר־כך היה מספר: "אמא, החב־רה היו כל כך מבסוטים..." וכל כולו קרן מאושר.

מעולם לא התלונן על קשיים או על מחסור כלשהו ותמיד היה שמח בחלקו.

ולנו נשאר לחיות עם כל הזכרונות, לספר בשבחו ומעלותיו הטובות ולהמשיך ולחיות לאורן.

אמא

יומן הקרבות

צביקה התגיס לצה״ל ב־10 באוגוסט 1954. הוא התנדב וצורף אל יחידת הצנחנים. כעבור שבוע הוא מקבל חופשה ומנסה לשדל את חבריו ללכת בדרכו: ״אם אנחנו לא נהיה ביחידה זו, מי יתפוס מקומנו?״

הוא עבר לקורס מ״כים. בתוך הקורס עצמו עובר צביקה את טבילת־האש הראשונה, בפעולה נגד קיני פידאיון בעזה. בקרב זה נפלו לידו מפקדו ושלושה מחבריו לנשק. המום ונרגש חוזר צביקה ונושא על גבו חבר פצוע ומביאו לגבולות ישראל.

הימים חולפים, האימונים השגרתיים נמשכים וצביקה מסיים את הקורס ומוסמך לשמש מפקד כיתה ביחידת סיירים.

והנה שוב פורע צה״ל חוב, והפעם נגד מפקדת האויב בחן־יונס. צביקה נמנה עם הכוח הפורץ למוצבי האויב. הפעם היה כבר פחות רגיש; הן מאחוריו יש עבר של קרב אחד! המבצר הענקי נהרס כולו. ושוב חוזרים למסלול האי־מונים הקשים, למען ייטיבו הילחם בשעת פקודה.

לא עובר זמן רב וצה״ל פורע חוב נוסף, הפעם נגד בסיס מצרי המתנכל לדרכי הנגב. לאחר מסע רגלי מייגע פורץ צביקה בראש אנשיו למוצב האויב בכונתילה. לאחר קרב מהיר כוב־שים את המוצב, לוקחים שבויים ומביאים שלל רב עמם. לאחר חופשה קצרה חוזרים שוב למסלול האימונים. אך צו־השעה פוקד לגמול גם לסורים על שחטפו חיילי צה״ל. צביקה יוצא עם חבריו לפעולה, ולוקחים בשבי 2 קצי־נים ו־3 חיילים סוריים בשטח הררי קשה ללחי־מה.

לאחר תקופת אימונים נוספת מקבל צביקה חופשת שבת. אך בטרם הספיק לפשוט את מדיו בא רץ להודיע כי עליו לחזור מיד ליחי־דתו. הוא ידע: שוב פעולה; והפעם — הבטחת הדיג בכנרת. למחרת עם לילה מסתער צביקה בראש חבריו על המוצבים הסוריים, הורסים אותם ולוקחים בשבי חיילים וקצינים סוריים וכן שלל רב.

זמן מה שרר שקט בגבולות ישראל, עד אשר חודרות יחידות מצריות לגיזרת ניצנה ומתבצרות בה. על מחלקתו של צביקה הוטל לחדור לעורף האויב ולהביס את הגדוד המצרי. הקרב היה קשה, אך כוחותינו חוזרים עטורי נצחון. נפגעי האויב רבים, נשק וציוד נלקחו שלל.

אולם המצרים עדיין מתנכלים לחיילי צה״ל, ושוב נשלחת פלוגתו של צביקה לפעול פעמיים בתוך שטח האויב.

ימי החגים הולכים וקרבים והאויב שולח את קבוצות ההרג שלו ״פידאיון״ לזרוע מוות ובה־לה בישראל. בפרוס ראש־השנה הוטל על צה״ל לחסל את מבצר יחידות הפידאיון ושוב הגיע תור המשטרות. יחידתו של צביקה צורפה אל הכוח הפורץ לתוך משטרת אר־רחווה הנמצאת בשטח ירדן, בכביש חברון—באר־שבע. מפקדו של צביקה נפצע, אולם הפעולה בוצעה והכוח חזר לבסיסו. לא חלפו שבועיים, וצה״ל יצא לפעולה נוספת, הפעם לתקוף את משטרת גרנדאל אשר בהרי אדום. הפעם הוטל על יחידתו של צביקה להיות כוח־רתק לכוח הפורץ, להרוס ולהכות באויב בטרם יכנסו החבלנים לתפקידם.

לא חלף שבוע וחצי, וצה״ל נשלח לתקוף את מבצר־המשטרה בחוסאן, כתגמול על רצח מש־תתפי הכינוס לידיעת הארץ שסיירו בקיבוץ רמת־רחל. על יחידתו של צביקה הוטל הפעם תפקיד ״סבלות״ — לשאת את חומר־הנפץ להפ־לת המשטרה. גם פעולה זו בוצעה בהצלחה מלאה.

אולם האויב מוסיף לשלוח יחידות מרצחים, הפוגעות באזרחים העובדים בפרדסים. צה״ל יצא לפעולת־התגמול הגדולה ביותר שלו עד כה — כיבוש המבצר בקלקיליה. צביקה נמנה הפעם עם אנשי החסימה ליד משלטי עזון, בכביש שכם—קלקיליה. הקרב היה מר וקשה; מחצית הכוח נפגע ועמו גם מפקד־המחלקה. צביקה נוטל את הפיקוד לידיו, מחלץ את המחלקה מהרג, מתחבר עם חברו, מפקד־מחלקה אחרת ויחדיו הם נלחמים עד הגיע הכוח המחלץ אותם מקרב אכזרי זה, שבו נפלו 18 חיילי צה״ל.

בשובו מקרב זה לחופשה, תיאר צביקה את מהלך הקרב ושאל את עצמו: "האם אני נמצא באמת כאן?" כי אכן, הכדורים חלפו מעל לראשו ונתזים פגעו בגופו, אך לא יכלו לו.

לא חלפו שלושה שבועות, וצה"ל מגייס כו־חותיו למגר את הצבא המצרי, העומד לעלות על ארצנו. צביקה נמצא הפעם בזחל הראשון שפרץ אל מרחבי חצי־האי סיני, בתפקיד מקלען ראשי. כוחותינו פורצים קדימה, כונתילה נכבשת והכוח נע לשחרר הצנחנים המבודדים, החונים בקרבת א־נחל. הקרב הפעם עקוב מדם; צביקה פורץ עם מחלקתו קדימה, במגמה לכבוש את המוצב א־תמד. לפתע עלה הזחל, שבו נסע, על מוקש ממש בשער המוצב. הרכב ניזוק ואנשיו הועפו, אולם לא אונה להם כל רע. הם עלו לזחל אחר והשיגו את חבריהם. עתה המטרה לפניהם. חבריהם אשר בא־נחל הגיעו עד למוצבי המית־לה והאויב פתח באש קטלנית. הכוח התפרש, תפש עמדות וקרב־דמים ניטש על הגבעות.

כיתתו של צביקה, שהיתה קיצונית, ירדה לואדי לתפוס מחסה. האויב הבחין בהם וכיוון את אשו לשם. צביקה נפגע בכדור במותן, אולם המשיך לרוץ ולפקד על אנשיו. תוך כדי ריצה נפגע גם ברגלו, ובמאמצים רבים הגיע לואדי, שם תפס מחסה. בהיותו במחסה נורו אליו עוד צרורות רבים וכדור פגע בחזהו, בקרבת הלב.

דבריו האחרונים לחבר שהיה על ידו, היו: "מסור שלום בבית... וגם לחברה... אמור להם שימשיכו"...

אורי



מצבה על קברו
של חייל צה"ל

מכתבי ניצולים מיד לאחר השואה

הרינו מביאים קטעים אחדים מתוך מכתבים שקבלנו מחברינו בני עירנו, שארית הפליטה, מיד לאחר התבוסה הנאצית ואחרי כן. קצר המצע מהשתרע ולא נוכל לצטט כאן מתוך עשרות המתכבים שקבלנו אז, אלא מתוך אחדים מהם בלבד — זכר לצער והתרגשות ראשוניים.

מעזשיריטש, 13.8.1944

ליבער יעקב, שלום רב.

דיין בריוו פון 4טן ד.ח. האָב איך היינט דערהאַלטן... ליידער בין איך די איינציקע וואָס ס'קאָן דיר ענטפערן. ווי שרעקלעך איז שרייבן די ערשטע בריוו און אָנזאָגן די שרעקלעכע בשורה... אָבער געוויס ווייסט איר שוין אַלץ. אַזאַ שרעקלעכער אומגליק איז נאָך אויף דער וועלט ניט געהערט געוואָרן... פון יעדער שטאָט און שטעטל זענען געבליבן ניט מער ווי 5 ביז 20 יידן. ניט מער... ווען ניט די אוקריינישע מיטהעלפערס וואָלטן די נאַציס אפילו 50% ניט געקאָנט אומברענגען... פון אונדזערע מעזשיריטשער זענען געבליבן ס"ה 20 מענטשן... איך בין געבליבן מיט מיין קליין יענקעלע... די גיהנם־יסורים וואָס מיר האָבן אָדורכגעלעבט איז ניט צו באַשרייבן... אַך, ווי שווער און ביטער איז זיין עלנט־אַליין און טרעטן אויף דער פאַרבלוטיקטער ערד פון אונדזערע ליבע — און זען די מערדער פאַר די אויגן...

איך זוך ברידער, שוועסטער, פריינט — אָבער קיינער איז ניטאָ. דאָך ווייס איך, אַ שטיקל טרייסט, אַז פון אונדזער יוגנט איז עפּעס געבליבן ערגעץ־טיף אין רוסלאַנד. איך אינטערעסיר זיך מיטן גורל פון אַלע אַנטלאָפענע און איך האָב שוין ידיעות וועגן גאָרבשטיין, קאַנטאָר בוזיע, יוסף זילבערשטיין, בוזיע בירל און אַנדערע...

אָך, ווי כ'וואָלט געוואָלט זיין מיט אייך צוזאַמען. וועל איך נאָך דאָס דערלעבן ?... שרייבט גענוי וועגן אייער לעבן, וועגן אַלעמען... אַ האַרציקן גרוס אַלע בני־עיר...

אסתר זינמאַן

ראָוונע, 10.9.1944

טייערע שוועגערן, שוואָגער, שוועסטער ברודער,

...כ'האָב זיך פאַרנומען אַ סך צו שרייבן. און ס'דאָ וואָס צו שרייבן, ווי אין אקדמות שטייט: דיו כל ימי א.אז.וו. וואָלט מען ניט געקאָנט באַשרייבן דעם יידישן ווייי־געשריי. דעם געשריי פון דער שארית הפליטה... פון זייערע דערציילונגען און ווי כ'האָב געהערט פון עטליכע באַקאַנטע ערלים, וועגן די איבערלעבענישן פון די קדושים וועלכע האָבן געוווסט אַז אָט באַלד פירט מען זיי צו דער שחיטה... ווי אַן ערל פון סעניאַוו האָט מיר היינט דערציילט, אַז מיין מוטער איז געווען אָנגעטון אין איר שוואַרצער, זיידענער קלייד, וואָס זי פלעגט אָנטון פון יאָר־צו־יאָר ערב יום־כיפור און גיין אין שול אַריין צו כל־נדרי. אויך מיין פאָטער האָט זיך אָנגעטון די שבת'דיקע קאַפּאָטע, זיך אַרומגעוויקלט אין טלית, און מ'האָט געוואַרט אויפן אורטייל... נאָכן אָפּזאָגן וידוי האָבן זיי געזאָגט צו די גזלנים: „מיר זענען גרייט... גאָט רופט צו זיך... נאָר ביטער איז אונדזער גורל וואָס אַזעלכע מערדער ווי איר זענט די שליחים..."

...אומעטום הערסטו די זעלבע געשיכטעס. אין גאַנץ ראָוונער געגנט זענען געבליבן אפשר שתי מאות מענטשן... איצט זענען אָנגעקומען פון רוסלאַנד אפשר א שלוש מאות... אַלע קומען זיך צענויף אין ראָוונע. אין גאַנץ ראָוונע זענען געבליבן אפשר 50 הייזער... חרוב ונחרב האָט אַלץ באַדאַרפט ווערן מיט די גוישע מערדער צוזאַמען... ימח שמם וזכרם. ווו איך גיי און שטיי זע איך נאָר מיינע ליבע הרוגים... מיין ריבהלען, מיין חנהלען, וועלכע מ'האָט געהרגעט אין ראָוונע. פריער אויסגעשטאָכן די אויגן, צעשניטן אויף שטיקער און אַרויסגעפירט דעם קערפּער אויפן וועג וואָס פירט קיין קאָסטאָ־פּאָל... יאָ, איר וועט מיר מוחל זיין... ווו דו גייסט און שטייסט רעדט מען נאָר וועגן שחי־טות... כ'גיי אַרום עלנט... איך בין געווען די גאַנצע צייט עם בני היקר איצעלע... געוווסט, און דאָך זיך ניט פאַרגעשטעלט אַזעלכעס... כ'מוז אַוועק פון ראָוונע! דאָס הארץ קאָן דאָ פּלאַצן. אויך בני היקר וואָס געפונט זיך נאָך אין רוס־לאַנד ווייסט ניט פון דער גרויסער טראַגעדיע... כ'וואָרט אויף אים, און דעמאָלט, ביי דער ער־שטער געלעגנהייט, אנטלויפן. צו אייך... ווען ניט דער געדאַנק וואָלט איך ניט אויסגעהאַלטן... אַלץ דאָ רופט: נקמה! אָבער כ'קאָן גאָרניט־ניט טון, אויסער אָפּקומען מיט קללות און חרמות... פון בערלין ביז מעזשיריטש...

...אויך גיסי משה געפונט זיך אין ראָוונע. פאַרוואָס שרייבט איר אַזוי ווייניק? מענטשן קריגן בריוו פון ארץישראל און האָבן עפּעס געמיינזאַמעס... מיר האָבן צו אייך געשריבן אויך פון רוסיש אַזיען, אח לצרה יולד... ווו זענט איר, ברידער? אַ גאַנצן טאָג אַרבעט איך און ביינאַכט קלער איך פון די לעבעדיקע מיט די טויטע. אַלץ מישט זיך אויס... פון מעזשיריטש וויל איך מער ניט הערן. אַ שאָד וואָס די שטוב איז געבליבן... איכה ישבה בדד... בכה תבכה בלילה ואין מנחם... וועלן מיר נאָך אַ מאָל צוריק אויפשטעלן דעם יידישן שטאַם? כ'גלויב ניט אַז איך וועל נאָך קאָנען אַ מאָל נעמען אַנטייל אין אַזאַ אַקציע... איצט איז ערב הושענא רבא. לאָמיר דאָך בעטן אַף אַ גוט קוויטל פאַר זיך און פאַר כלל ישראל.

אייער

יעקב פּאַלישוק

סיזראַן (אויפן דניעפּער)

26טער יוני 1945

טייערע חברים מאַצמאַן, פּיקסמאַן, פּאַדי־סאַק, און אַלע אַנדערע פריינט און בני־עיר,

גרויס איז אונדזער פרייד וואָס דער קריג האָט זיך געענדיקט מיטן נצחון איבער דער היטלעריסטישער חיה, הגם מיר יידן האָבן זיך ניט וואָס צו פרייען, ווי אַלע אַנדערע... אונ־דזער שטעטל מעזשיריטש איז געבליבן איין גרויסע חורבה. ברידער־קברים. די 20—18 מענטשן וואָס זענען געבליבן לעבן זענען ניט מער ווי „בלאָנדזשענדע נשמות". ס'זענען נאָך איבערגעבליבן די וואָס זענען עוואַקואירט גע־וואָרן קיין מזרח־סס״ר און די מאָביליזירטע אין דער רויטער אַרמיי, די מערהייט יוגנטליכע. מיט אַ טייל פון זיי שטיי איך שוין אין בריוו־פאַרבינדונג און פון אַנדערע האָב איך שוין אָפּגענומען גריסן. כ'האָף אַז מיט דער צייט וועלן מיר זיך אַלע טרעפן צוזאַמען, ווייל דאָס איז אונדזער ציל און אידעאַל...

...אין בריוו־אויסטויש שטיי איך ביז איצט מיט פאָלגנדע חברים: חנא גלוזבאַנד, זשעניע גיכערמאַן, אברהם ניסנהאָלץ, משה פערלצווייג, לאָליק רובינשטיין, יאָסל זילבערשטיין, שמואליק קאַפּלאַן, יאַשאַ ראָזנדאָרן. אַלע זענען דעם מאָ־נאַט אַרויסגעפאָרן קיין פּוילן. פון מעזשיריטש, מיט: אסתר זינמאַן, אסתר כיטערמאַן, ביילע רויטבאָרד, ניוניע גאָלדפאַרב. „לעבעדיקע" גרוסן האָב איך דערהאַלטן פון גרישא גיכער־מאַן, איציק גיבער, מאיר פערלצווייג, זעליג פּאַדיסוק, דוד כץ, בוזיע זינמאַן, יענקל פּרימאַק, בעלא פערשמאַן, מיכא, שואליק, בוזיע קאַנטאָר, זיידל כץ, אַליק ראַטנבערג און אַנדערע. איך שיק אייך דאָ אַדרעסן פון חברים.

...ליבער ח׳ מאַצמאַן, לײדער װײס איך גאָרניט פון דײן פאַמיליע. מיט יענקל גיסיס האָב איך צוזאַמען פאַרלאָזט מעזשיריטש דעם 27טן יוני 1941... כ׳באַגריס דיר צו דײן חתונה און װוּנטש אײך אַ גליקלעך צוזאַמענלעבן...

ח׳ פּיקסמאַן, פון דײנע געצײלטע עטליכע װערטער לײען איך אַרויס טיפע פרײנדשאַפט. ביסט גערעכט אַז אין אומגליקס־פאַלן דאַרף מען זיך האַלטן חבר׳יש... אויך דעם ח׳ פּאַדיסאָק װיל איך זאָגן: לויט אַ רוסיש שפּריכװאָרט איז בע־סער אײן אַלטער חבר אײדער צװײ נײע... יאָ, מיר אַלע זענען אחים לצרה. אונדזערע אַלעמענס פאַמיליעס זענען צוזאַמען אומגעקומען... צו דײן זעליגן האָב איך זיך געװענדעט גלײך נאָכן דערהאַלטן דײן פ״ק.

...פון זיך פערזענליך איז אַ סך צו שרײבן. אפשר אַ צװײט מאָל. אַ מענטש איז באמת שטאַרקער פון אײזן. איצט אַרבעט איך אַלס פלאַנאַװניק אין אַ פאַבריק. צוזאַמען מיט מיר געפונט זיך מײן ברודער שאולקע מיט זײן פרוי און קינד. איך דאַנק אײך פאַר אײער מתנה װאָס איר האָט מיר געשיקט. דאָס מאַכט מיר פילן אַז איך בין ניט אײנזאַם...

רחל מאַריאַל׳ס פ״ק האָב איך דערהאַלטן און איר געענטפערט. װעגן איר שװעסטער, ברודער, פאַמיליעס איז גאָרניט ניט באַװוּסט...

זײט אַלע געזונט. אויף װידערזען,

אײער פרידל

גאָרקי, 21.1.1946

טײַערער חבר מרדכי,

כ׳בין דיר זײער דאַנקבאַר פאַר דײן פ״ק. דו ביסט באמת אַ חבר! אָבער פאַרװאָס שרײב־סטו אַזױ װײניק און נאָר אײנמאָל? מיר אינ־טערעסירט אַלץ װאָס ס׳טוט זיך בײ אײך. איך לעב גוט, נױטיק זיך ניט אין גאָרניט. איך אַר־בעט און בין צופרידן. באַקום בריװ פון מעזשי־ריטש און מעזשיריטשער. אַ גרוס אברהם קראַנצבערג און אַלע אונדזערע בני־עיר.

די אוקרײנישע באַנדעס האָבן אָנגעמאַכט אַ גרױסן חורבן. איך בין געבליבן אײנער אַלײן, אָן קײנעם. דער זעלבער גורל האָט גע־טראָפן פיל אַנדערע. די סאָװיעטישע מאַכט שאַפט פאַר אונדז מעגלעכקײטן צום לעבן. דאָס לעבן איז גאַנץ קולטורעל. אַ גרוס אַלעמען. שרײב אָפּט.

דײן
ל. רובינשטײן

קפריסין,
קמפּ 4066, בלוק D־28,
15.7.1947


שלום רב לך מרדכי יקירי,

בודאי תסלח לי על השגיאות בעברית במכתבי זה... אני מבקש אותך שתענה לי על כל מכתב שלי... מה שנוגע לדרכי מאיטליה כבר תארתי עוד במכתבי הראשון. נסענו באניה „התקוה״ עשרה ימים, אך תקוותנו היתה שנגיע למולדת. מאה אחוז. אך, כנראה עוד לא בא הזמן להניח את התרמיל ומקל הנדודים... אולם אנחנו, שארית הפליטה, כבר התרגלנו לכל. העי־קר לחיות. במחנה הגרמני אכלתי במשך שנה וחצי קליפות מלוכלכות של תפוחי־אדמה...

מה שנוגע לקשר במשפחתי כתבתי למל־כה וגם לאמי ולמנדל בגרמניה אך עוד לא קי־בלתי שום תשובה. מברוך גולדמן בקרית־חיים קיבלתי שני מכתבים. הוא כותב לי שאחיו יוסף נמצא כבר בעטלית והוא כבר עומד לצאת משם. לחופש... אני נמצא כאן יחד עם משה קמיניק. אני מנצל את הזמן ללימודי עברית, ידיעת הארץ וגם מתעסקים בספורט — ומתגע־געים למולדת... האמת היא שכבר אין סבלנות לחכות. עומדים על הסף ולא נותנים להיכנס הביתה...

כתוב על הכל. רוצים לדעת הכל. דרישת־שלום למאיר ולכל אנשי מז׳יריץ׳. להתראות, להתראות, להתראות!

שלכם
חיים שטערנשיס



דפי הנצחה בהיכל יהדות ווהלין

יוצאי מז׳יריטש שנפטרו ז״ל

	יום הפטירה:
אוטניק לייב	כ״ז ניסן תשכ״ז
אוטניק אהרן	כ״ט ניסן תש״ל
אסף יחזקאל	ו׳ אייר תשכ״ב
בר־עקיבא בן־ציון	כ״ב שבט תשכ״ה
ברנשטיין פסח	תשל״ב
ברויטמן גדליה	ט׳ חשון תשכ״ט
ברובשטיין שלמה	
גופמן טובה	תשל״ג
גוטניק־קמיניק רות	כ״א אב תשכ״ד
גילברג־שפיגלמן חוה	ט״ז סיון תשל״ג
גליקשטיין אליק	ט״ו בטבת תשל״ג
גוז מוצי, קנדה	
גלמן צבי, ארגנטינה	ח׳ בסיון תשכ״ו
גלדשטיין־ברקאי שושנה	ה׳ בסיון תש״ל
גלדשטיין יוסף	כ״ג בתשרי תש״ו
גליקמן משה	י״א טבת תש״ל
גורפינקל הירש־לייב, קנדה	כ״ז אייר תש״ד
גורפינקל סטיסיה, קנדה	ז׳ אדר תשי״א
גורנשטיין פרידל	כ״ז שבט תשכ״ז

	יום הפטירה:
גיסיס יעקב	כ״ח ניסן תשכ״ו
גרבר שרה	
וינר חנה	
זילברשטיין חנה, קנדה	
זבודניק דבורה	כ״א אדר תשכ״ט
זמלמיל גיסיה	
זבדי שרגא	ז׳ אלול תשי״ט
זילברשטיין ברוך, קנדה	
זילברשטיין ישראל, קנדה	
זילברשטיין גולדה	א׳ תמוז תש״ח
חיטרמן־קנטור אסתר	ד׳ טבת תשכ״ח
טוביס אהרן	ה׳ שבט תשל״ג
יזרעאלי נחמן	י״ח שבט תשל״א
כספי שאול	תש״ך
כספי טובה	תשכ״ט
כספי דוד	תשכ״ד
כספי דוב	תשכ״ב

כספי־כּץ משה	י״א אדר תשכ״ח	פודיסוק ינטה	י״ז ניסן תשי״ב
כרמי יצחק	י״ח תמוז תשכ״ו	פדרמן יעקב	ו׳ אלול תשל״ג
כהן ישראל		פטליס חיה	ג׳ אלול תשכ״ב
מצמן צבי	כ״ד סיון תשכ״ט	פרדמן הלל, קנדה	
מצמן מאיר	כ״ג אב תשל״ב	קוצ׳ר יוסף	ט׳ אב תשכ״ג
מאירזון הניה, קנדה	תש״ך	קופרשמיד בנימין	30 ביולי 1965
מאירזון זלמן, קנדה	א׳ אלול תשכ״ו	קופרבנד ברל, קנדה	
סולומיאניק בוריס	כ״א שבט תשכ״ט	קיפניס מלכה	י׳ כסלו תשכ״ו
סנקביץ אפרים	י״ג ניסן תשכ״ב	רוטנברג־אוסטרובסקי שושנה	א׳ תמוז תשכ״ז
עפשטיין גרשון, קנדה		שלייפר גדליה	י״ז חשון תשכ״ז
פרלצויג משה, מוסקבה	4 ביוני 1973	שלייפר יחה	י״ז שבט תשכ״ח
פרסמן גדליה		שטרן רחל	כ״ז אלול תשכ״ד
פולישוק יעקב	תשכ״ז	שטרנשוס פסיה	ח׳ טבת תשכ״ד

פייגע גאָלדמאַן ז״ל

ביים שליסן דעם פנקס אין דרוק איז אָנגעקומען די טרויעריקע בשורה אַז פייגע



גאָלדמאַן, די נאָבעלע פרוי און אקטיווע מיט־גלידערן פון מעזשיריטשער סאָסייעטי אין ווי־ניפּעג איז מער ניטאָ מיט אונדז.

פייגע גאָלדמאַן ז״ל איז געווען די ערשטע וואָס האָט געשפּענדעט פאַר אונדזער סטיפּענד־יעס־פאָנד א. נ. פון איר זעליגן מאַן פּסח גאָלדמאַן ז״ל, און דערמיט איז אויך געווען, פאַקטיש, די ערשטע גרינדערין פון פאָנד. דאָס איז ניט געווען קיין צופאַל: פייגע איז אויך געווען פון די ערשטע וואָס האָבן זיך מאָבי־ליזירט שיקן ממשות׳דיקע הילף אונדזערע בני־עיר, שרידים פון נאַצישן גיהנם און ביי איר אין שטוב איז איינגעשטאַנען די אכסניה פון שנעלער הילף פאַר די געליטענע.

וועגן פייגע גאָלדמאַן, די אקטיווע טוערן איז א סך צו שרייבן, אָבער שוין דאָס אויבנ־דערמאָנטע זאָגט א סך — וכל המוסיף גורע. ס׳איז אוועקגענומען געוואָרן פון אונדז, א טייערע, האַרציקע שוועסטער, וואָס וועט שטענ־דיק לעבן אין אונדזער זכרון.

מ. מאַצמאַן

יום לפני פטירתו, ח"י כסל"ו תקל"ג, אמר המגיד לתלמידיו ולמקורביו:

— בני, תהא אחדות שורה ביניכם. בכוחה תתגברו על הכל, תעלו במדרגות ולא תרדו חס ושלום.

רמז לדבר הכתוב: והוא באחד ומי ישיבנו.

לאחר הדיבור הזה צלל המגיד לתוך דממה ארוכה. עיניו נעצמו. נראה היה כמנמנם. לחדר נכנס רבי זוסיה. הוא צעד על בהונות רגליו. המגיד הקיץ מנמנומו. שאל:

— מי בא?

— זוסיה בא! — ענה רבי שניאור זלמן.

רמז המגיד בידו הגרומה, שזזה ברפיון, כענף שבור ברוח קלה, כלפי זוסיה. נגש ר' זוסיה סמוך למיטה. נטל המגיד את ידו הימנית של ר' זוסיה והטיל עליה את כפו השמאלית ולחש בקול דק, אך צלול:

— שלי היית זוסיה בעולם הזה וגם שם תהיה עמי במחיצתי.

ולפי שבדברו על אודות זוסיה הרים המגיד את ראשו מעל הכר ושכיבתו נעשתה מיושבת כל שהיא, כדי לחבר במישרים את מבטו עם עיני זוסיה, צנח הראש על הכר כמו מאליו באפס־כוח בסיום מליו, ואילו מבטו, דומה, עדיין היה נעוץ בפני זוסיה. משל המבט, שנפרש לעצמו והנהו כעת נושא את עצמו, מרפרף בתוך החלל ונצמד בנשיקין אל זוסיה.

— ואיפה מנחם מנדיל? — שאל המגיד לאחר שהקיץ שוב מנמנום ממושך. הקול היה כעת חלוש יותר וצלול פחות.

— מנחם מנדיל מויטבסק איננו כאן — ענה רבי שניאור זלמן.

— ור' יהודה לייב הכהן כאן? — שאל המגיד ויגיעתו היתירה בבטאו את המלים נתנה את אותותיה בקולו הפוחת והולך ונשמע לרגע קטן כמעין חרחור של גוסס.

— ר' יהודה לייב הכהן כאן — ענה ר' שניאור זלמן.

ר' יהודה לייב הכהן ניגש סמוך למיטה. שוב הרים המגיד את ראשו מעל הכר והזיז את ידו למרבה הפליאה בתנופה קלה. נטל את ידו הימנית של ר' יהודה לייב הכהן ולטפה בכפו השמאלית. שפתותיו מללו ברורות ובקול צלול ובוטח:

— יהודה לייב, כוהן אתה, שפתי כוהן ישמרו דעת. עמי תהיה במחיצתי.

כעת הפנה המגיד את מבטו אל רבי שניאור זלמן ואמר:

— שניאור זלמן, הב לי את ידך. אתה תהיה לבדך. אתה לך לעצמך. יש לך דרך משלך. אתה תצטרך לסייעתא דשמיא מאד־מאד. אני אתגעגע אליך מאד־מאד. ואם ירצה השם אוציאך מכל הצרות.

לאחר שנפטר בדברי ריצוי מכל יתר תלמידיו שאל:

— היכן אברהם? היכן אתה, אברהם בני? איני רואה את אברהם בני.

ר' אברהם בנו, המכונה המלאך, לא היה שרוי תמיד, בדומה לכל תלמידי המגיד, סמוך למיטת אביו. גם בימי חליו האחרונים של אביו היה המלאך יושב סגור בחדרו. הוא הבן לא היה בן עלמא הדין: ממילא הוא שרוי תמיד במעגל קרניה של שמש המות. הפטירה לא נראתה לו שער לעולם הבא. כלום יש עולם אחר מלבד עולם הבא? וכשנקרא הפעם אל אביו צעד לאט, כמו לא־קרוא־כלל. עיניו היו עצומות גם בהילוכו. הרגל רב־שנים להלך בעינים עצומות נתן להילוכו מראה של רחף, כשל בן־כנף. הוא היה מרוכז תמיד לא רק במחשבתו, אף בקשבו, כאילו הקשיב למשק כנפים מעל לראשו. משק כנפיו של מלאך המות בחדר הגוסס לא שינה את הילוכו הזקוף כלפי מעלה אף כחוט השערה.

בנו "המלאך" ניגש סמוך למיטה.

— אברהם — דבר המגיד בקול מאושש וצלול — איני מצוה לך כלום. אתה לא תזוז מדרכך בקודש. אך אחת אבקש ממך, בני, דבר אל האנשים. פתח פיך ויאירו דבריך. כבר שתקת הרבה. דבר מעט.

המגיד לא גרע את מבטו מעל בנו שעה ארוכה, כמצפה לתשובתו.

המלאך שתק.

לאחר מכן נאחזו עפעפי המגיד בקורי־תרדמה. שפתיו לא היו מרחישות עוד בעלמא הדין.

*פאצ
(Mezhirech'ye)

89

75-3249

